№ 194 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. פרייז 20 גראשען Lodzer Tageblat

לאָדזער טאַגעבלאַט

21-טער יאהרגאַנג | 19 Sierpnia 1928 r. | זונטאג, ג' אלול תרפ"ח | רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע: פּעטריקויער 18; טעלעפאָן: אין רעדאַקציע 37, פון אדמיניסטראַציע 27

הוצאת „הכוכב" בלודז!

הננו מתכבדים להודיע בזה, כי אחרי גמר ההכנות הנחוצות לסידור המערכת וההנהלה, בית-הסידור והדפוס, תתחדש הוצאת „הכוכב" באכסניתו החדשה והקבועה לא יאוחר מיום הראשון לחודש ספטמבר ויוסיף להופיע בדיוק נמרץ בתור שבועון ספרותי לבני הנערים ולעם, מנוקד ניקוד חלקי עם עם הוספה מנוקדת לטפן הקטנים, בתבנית מוגדלת ונוספת של 12 עמודים גדולים פעם בשבוע. בטוחים אנו כי ידידי „הכוכב" הישנים והחדשים ישמחו לקראת השתפרותו של עתוננו ויוסיפו לתמוך בו תמיכה חמרית ורוחנית.

נמשכת החתימה על „הכוכב" מחודש ספטמבר-ודעצמבר (גליון כ"א ואילך) ע"פ תנאים אלו:

למחצית שנה — 9 זהובים, לרבע 4.50 ז' וכן — להדשיים ולחודש. החותמים הישנים מתבקשים בזה להמציא לנו תוספת של 50 אחוז מדמי התיבתם בעד התוספת של 4 עמודים מנוקדים לכל גומר. מחיר כל גליון בודד (12 עמודים) 45 גרוש בלי המשלוח. תנאי החתימה בחו"ל: לשנה שלמה — 5 דולרים עם המשלוח, וכן למחצית ולרבע שנה. — כל החותמים משתמשים בהנחות גדולות (מ 20 עד 40 אחוז) בקנית ספרים עברים חשובים, כמו: „קורות העברים" (5 חלקים), ספרי „ברקאי" ספרי הוצאת „האור" ועוד.

עורך: אהרן לובושיצקי — המו"ל: הוצאת „אביב" לודז

כתובת המערכת, ההנהלה והמכירה הראשית:

Red. i Adm. „HAKOCHAB" Łódź Aleja 1. Maja 8/9. Skrz. poczt 216 P.K.O. 9057

צענטר. סוחרים און פאבריקאנטען-פערבאנד
אויף לאדזער וואיעוואדזשטווע, פּיעטריקאווער 10.

סוחרים און פאבריקאנטען!

מיר מאכען אויפמערקזאם אונזערע מיטגלידער, אז יעדער סוחר און פאבריקאנט איז מחויב און פערפליכטעט לויט דער לעצטער פעראָרדנונג פון וואיעוואדא צו רעגיסטרירען זיינע האנדעלס און אינדוסטריע-פּאטענטען ביז דעם 31-טען ד. ח. איבעהויפּט ווען דאס אויבענדערמאנטע איז נישט צום פּעסטגעשטעלטען טערמין דורכגעפיהרט געווארען

דראהט א שטראף פון 1000 זל. אויך 14 טעג ארעסט

מיר מאַדרען אויף אלע אונזערע מיטגלידער די רעגיסטראַציע נים צו פערנאכלעסיגען און צו מעלדען זיך אין דער קאנצעלאריע פון פעראיין אין די ביורא-שטונדען פון 9 אין דער פריה ביז 1 מיטאג און פון 4 נאכמיטאג ביז 8 אין אוונט מיטברענגענדיג דעם פּאטענט פון יאהר 1927.

בעמערקונג: עס ווערט אויפמערקזאם געמאכט, אז דאס רעגיסטרירען טאר מען נישט אפּלעגען אויף די לעצטע טעג ווייל עס מוזען דורכגעפיהרט ווערען פערשידענע נויטיגע פארמאליטעטען.

די פערוואלטונג.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין בליהענדען עלטער אונזער ליבער און גוטהערציגער זוהן, ברודער, אייניקעל און פעטער נ"ע

גרשון יואל ז"ל פראמבערג

אין עלטער פון 19 יאהר.

די לוי' קומט פאר היינט, זונטאג, ג' אלול תרפ"ח 4 אזייגער נאכמיטאג פון טרויער-הויז פּיעטרקאווער 16, ווענען האט עס מעלדט מיט אין גרויס צער

די טיעפטרויערנדע הינטערבליבענע.

לונא-פּארק

דאמבראוסקי'ס-פּלאץ 5, ביים רינג נארוטאוויטש.

אפען ביז 12 ביינאכט.

פאַר'ן עלימפּישען מאַגנד נאך 5 קורצע צוים, וועלכע אטראקציעס אויסערגעוועהנליכע עמאציעס, אויסגעצייכנעטע מוזיק, אונפערגלייכליכע באסקא.

3682

מיר זענען טיף אין טרויער צוליב דעם פריהצייטיגען טויט פון אונזער חבר און פעראיינס-מיטגרינדער נ"ע

שמעון בן חיים אורשטייך

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל דער שווער געטראָפענער פאמיליע.

גלייכצייטיג פאָדערן מיר אויף אלע אונזערע חברים לוין-וועבער אפצוגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער פערשטארבענעם חבר און אנטייל צו נעמען אין די לויה, וואס עס קומט פאר היינט, זונטאג, דעם 19-טען אויגוסט 12 אזייגער מיטאג פון טרויער-הויז אלעקסאנדרער 28.

די פערוואלטונג פון לוין-וועבער-מייסטער-פעראיין, בושעזשינער 7.

א דאמען-בייטעל

איז געפונען געווארען.

אפּצונעמען געגען אנגאבע-קאסטען אין אדמיניסטראַציע פון „לאָדזער טאגעבלאט".

3777

Dr. med. S. MAŁOWIST

ספּעציאל-ארצט פאר האלז, נאז און אויערן-קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט

גדאנסקא 27 Gdańska, טעלעפ. 15-93

נעמט אן פון 2—4 נאכם.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 65 יאהר פרטעג, א' דר"ח אלול אין פּאזנאנסקי'ס שפּיטאל און דעם זעלבען טאג צו קבורה געקומען אונזער טייערער, ליבער פאטער, שוויגער-פאטער, גרויס-פאטער און אנקל נ"ע

יוסף בן הרב יעקב זצ"ל קאלסקי

הנקרא ר' יעקב אוניעוווער, געוואוינט אלעי 1 מאי 41.

אלע אנטיילנעמער אין דער לויה פון אונזער פערשטארבענעם און אונפערגעסליכען דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען דאנק.

די טיפטרויערנדע פאמיליע.

Dr. med. M. Heller

ספעציאליסט פאר הויט- און ווענעריש-עסראטגס און מענער-שוואכע

פּיאָטרקאווסקא 2

נעמט אן ביז 10 פריה, פון 1—2 און פון 4—8 אוונט

פאר פרויען פון 4—5 נאכם.

פאר אונבעמיטעלטע לעכעניצע-פרייזען.

W dniu 15 sierpnia 1928 r. zmarł

ś. p.

JAN PILECKI

urzędnik Lecznicy II-ej Kasy Chorych m. Łodzi.

W zmarłym instytucja straciła gorliwego pracownika, który zgóry sześć lat sumiennie wypełniał powierzone mu obowiązki.

Cześć Jego pamięci!

KASA CHORYCH m. ŁODZI.

די פערוואלטונג פון סוחרים-פעראיין פון רויה-שטאפען און טעקסטיל-האלב-פאבריקאטן אין לאדז,

לאדעט איין די פעראינטערעסירטע מיטגלידער

אויף דער זיצונג,

וואס קומט פאר מארגען מאנטאג, דעם 20. אויגוסט 8 א זייגער אוונט אין פעראיינס-לאקאל (מאניושקי 5), בכדי ארומצורעדען דעם ענין וועגען דער הוספה פון ציינגישען און קאסטען אין טראנספּארט-עקספּעדיציע-הייזער אין לאדז.

אויך ווערען געבעטען צו קומען צו דער זיצונג אגענטען פון אויסלענדישע פירמעס. באזונדערע איינלאדונגען ווערען נישט ארויסגעשיקט ווערען.

די לייטונג פון לעהר-אנשטאלט „דרכי נעם"

אין לאדז, סילינסקי 50,

טעלעפאן 35-26

מאכט באקאנט, אז ס'וועלען נאך פערבליבען עטליכע פרייע פלעצער אין די מחלקות ד' ה' ו' ז' און מתיבתא. שילער ווערען אנגענומען אין דער קאנצעלאריע יעדן טאג פון 9—2 און 4—7 נ"מ די למודים הויבען זיך אן י"ז אלול תפע"ל (2-טען סעפטעמבער 1928).

די לייטונג.

אכטונג, שטיקער און וועשער-נייער!

מארגען מאנטאג, ד. 20 אויגוסט, 8 א זייגער אוונט קומט פאר אין לאקאל פון צענטר. האנדוועקער-פערבאנד, פּאָלודניאווא 4

די גרינדונגס-פערזאמלונג

פון צעך פון שטיקער און וועשער נייער פון לאדז און אומגעגענד מיט דער בעהאנדלונג פון 8 דעלעגאטען פון דער סטראסטווא. צוליב דער וויכטיגקייט פון דער פערזאמלונג ווערען אלע שטיקער און וועשער-נייער מיטגלידער און נישט-מיטגלידער געבעטען פינקטליך צו קומען.

די פערוואלטונג פון שטיקער און וועשער-נייער מייסטער-פעראיין

אויפפאדערונג

דערמיט פאדערן מיר אויף צום 3-טען און לעצטען מאל

ה' ישראל לייב קאהן,

נאוואמיעסקא 5,

ג' שטרימף-פאבריקאנט, איצט לאגעריסט פון שטרימף צו קומען צו דער ד"ת צום מורה-הוראה ר' משה מנחם סעגאל, פּאלודניאווא 25, דינסטאג, דעם 21-טען אויגוסט 8.30 אוונט. אין געגענפאל וועלען מיר נישט זיין פעראנטווארטליך פאר די ווייטערדיגע פאלגען.

די פערוואלטונג פון שאכטעל-מייסטער-פעראיין ביים צענטר. האנדווערקער-פערבאנד פּאלודניאווא 4.

Dr. Wołkowyski

צוריקגעקעהרט

און זיך איבערגעצויגען אויף

צעגיעלניאנא 25

טעלעפאן 26-67

ספעציאל-ארצט פאר הויט-, ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע. אלע-ארט אנאליזען. בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.

נעמט אן פון 8—10, 12—2 און 4—8 אוונט.

Sperling

צאהן-ראַטאר

Południowa 9,

טעל. 48-06

צוריקגעקעהרט.

פלעגט די פיס

PEDICURE

S. Łódzki



Traugutta 5 (Krótka), m. 10

טעל. 37-30. נעמט אן פון 11—2 און 4—7 אוונט

געהילפען אליסטענט פון מייסטער ... (מיגער-אויגען-אנשטאלט אין ...) ספּעציאליסט צו בעזייטיגען הינער-אויגען און הארנהויט ... פון די פיס.

Dr. M. Goldfarb

זאווארדזקא 18, טעלעפאן 51-39

הויט- האר- און געשלעכטס-קראנקהייטען

נעמט אן פון 9—12 פאר. און 5—8 אוונט.

Dr. P. Klinger

ספּעצ.-ארצט פאר הויט-האר-און געשלעכטס-קראנקהייטען

הילפט מיט קווארץ-לאמפּען.

אנדזשעיא 2, טעל. 28-32

Dr. Z. Rakowski

ספּעציאליסט פאר אויערן, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייטען

קאסטשושקאס 9, טעלעפאן 61-37.

שפּרעכשטונדען 12—2 און פון 5—7.

Dr. med. M. Maślanka

נערווען און גייסטיג-קראנקע

פּיעטריקאווער 120 — טעלעפאן 19-47

נעמט אן פון 8 ביז 5 נאכמיטאג.

צוריקגעקעהרט

א מאנצעסיאנירטע פארבערייי

מיט פולשטענדיגער איינריכטונג ווערט פון ... געזוכט צו פאכטען. אפערטען אפצוגעבען אין אדמ. פון „ל. ט." אונטער „פארבערט"

2868

Dr. med. J. BETTE

פערייזט.

קלאפלעסער ... זאפעקאפיאן ... פערשטעלט זיך אויף שאליס ...

שליח פון דער פוילישער רעגירונג
ארויסגעפאָהרען מיט א פוילישער נאָטע קיין קאָוונא

וואַרשאַ. (טעלעפאָניש). מאָרגען איז פאָרגעקומען אין בעלוועדער א וויכטיגע פּאָליטישע בעראַטונג. אין דער בעראַטונג האָבען זיך בעטייליגט: מאַרשאַל פּילסודסקי, אויסערן-מיניסטער זאַלעסקי, אונטערשטאַאַטס-סעקרעטאַר אין אויסערן-מיניסטעריום ד"ר יאַפּצקי און דעם לייטער פון דער מזרח-אָפּטהיילונג האָליבקאַ.

די בעראַטונג איז געווען געווידמעט די פראַגע פון די פּויליש-ליטווישע אונטערהאַנדלונגען.

אַלס רעזולטאַט פון דער בעראַטונג איז בעשלאָסען געוואָרען ארויסצושיקען היינט אַן ענטפער אויף דער נאָטע פון דער ליטווישער רעגירונג, וועלכע איז ארויסגעשיקט געוואָרען דעם 18. ח. ח. פון קאָוונאַ.

די ענטפער-נאָטע פון דער פוילישער רעגירונג האָט נעכטען איבערגעפיהרט קיין קאָוונאַ דער שעף פון סעקרעטאַריאַט פון אויסערן-מיניסטעריום, ראַטמייסטער מאַריאַן שומלאַקאָווסקי.

די פּוילישע נאָטע, וועלכע איז אונטערגעשריבען געוואָרען דורכ'ן אויסערן-
די פוילישע נאָטע, וועלכע איז אונטערגעשריבען געוואָרען דורכ'ן אויסערן-מיניסטער זאַלעסקי ווערט פּובליקירט ווערען אין דעם מאָמענט, ווען זי וועט איבערגעגעבען ווערען די ליטווישע רעגירונג.

די שנעל'ע תשובה פון פוילען אויף דער ליטווישער נאָטע, וועלכע איז ערשט ערהאַלטען געוואָרען מיט א טאָג פריהער און דאָס איבערשיקען דעם ענטפער דירעקט דורך א העכערען בעאַמטען פון אויסערן-מיניסטעריום איז א בולט'ער בעווייז ווי ווייט פוילען בעציהט זיך מיט'ן גרעסטען ערנסט צו דעם פּויליש-ליטווישען קאָנפליקט און וויל איהם ערלעדיגען אויף א פרידליכען אופן.

אין דעם דאָזיגען טעקסט איז אויך רעדאַגירט געוואָרען די פוילישע נאָטע.

קעלאָג שוין ארויסגעפאָהרען קיין איראָפּאַ

וואַשינגטאָן, 18. אויגוסט (סּפּ.) דער שטאַאַטס-סעקרעטאַר קעלאָג איז נעכטען ארויסגעפאָהרען קיין ניו-יאָרק, פון וואַנען ער וועט אָפּפאָהרען מיט'ן פראַנצויזישען דאַמפער „איל דע פראַנס" קיין פראַנקרייך.

שטרעזעמאַן פאָהרט קיין פּאַריז
אונטערצושרייבען דעם קעלאָג-פּאַקט

בערלין, 18. אויגוסט (סּפּ.) א האַלב-אָפיציעלער קאָמוניקאַט בעשטעטיגט די ידיעה, אַז שטרעזעמאַן פאָהרט קיין פּאַריז אונטערצושרייבען דעם קעלאָג-פּאַקט. דער טערמין ווען שטרעזעמאַן וועט ארויספאָהרען פון בערלין איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט געוואָרען.

אויסערגעוועהנליכע זיצונג פון פראַנצויזישען קאַבינעט
וועגען דער עוואַקואַציע פון רהיין-געביט

פּאַריז, (סּפּ.) אין צוזאַמענהאַנג מיט קעלאָג'ס קומען קיין פּאַריז, וועט פאָרקומען א זיצונג פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, אויף וועלכער בריאַן וועט אָפּגעבען א בעריכט וועגען דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער לאַגע.

אין דער זיצונג וועט זיך אויך בעטייליגען דער פּרעזידענט דומערג.

צווישען אַנדערע וועט אויך ארומגערעדט ווערען די פראַגע וועגען דער אָקופּאַציע פון רהיין-געביט אין דער אַנשלוס פון עסטרייך צו דייטשלאַנד.

די פראַנצויזישע פּאָליטישע קרייזען שטעלען פעסט, אַז די דאָזיגע זיצונג וועט געמוזט צוזאַמענטרעפען [illegible] פאַר דער בעגעגעניש פון שטרעזעמאַנ'ען מיט בריאַנען.

סאָוויעטישע אַרמעע זיך אריינגעריסען קיין מאַנדזשוריען
יאַפּאַנער אַרעסטירען דעם צוג פון טשאַנג-טסאָ-לין.

שאַנגהאַי (סּפּ.) די חונג ענגלישע צייטונגען מעלדען, אַז א גרויסע אָפּטיילונג פון דער רויטער קאַוואַלעריע האָט זיך אריינגעריסען קיין מאַנדזשוריען און איבערגעשניטען די באַהן-ליניע מיט איילאַר.

אין די בערג-געגענד איז שוין געקומען צו א בעוואָפענטען צוזאַמענשטויס פון דער רויטער קאַוואַלעריע מיט'ן מאַנדזשורישען מיליטער.

שאַנגהאַי (סּפּ.) פון טאָקיאָ מעלדעט מען, אַז די יאַפּאַנישע מאַכט האָט דאָרט אַרעסטירט דעם זוהן פון פערשטאָרבענעם דיקטאַטאָר טשאַנג-טסאָ-לין. דער אַרעסטירטער וועט זיין געגען די יאַפּאַנישע פּלענער אין מאַנדזשוריען.

אַרעגירונגס-קריזיס אין דייטשלאַנד
סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פראַקציע געגען די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרען.

בערלין, (סּפּ.) היינט 10 פריה איז פאָרגעקומען א בעראַטונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע, כדי צוזאַמען מיט'ן רייכס-קאַנצלער מילער און די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרען צו בעטראַכטען דעם ענין וועגען דער פּאַנצער-שיף „א", וועלכען מ'האָט היינט אָנגעהויבען צו בויען אין די דאָקען פון קיעלער פּאָרט.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פיהרט אַן ענערגישע אַגיטאַציע דורכצופיהרען א פּלעביסציט וועגען דער דאָזיגער פראַגע. די דייטש-נאַציאָנאַלע שטיצען אונטער דעם קאָמוניסטישען פאָרשלאַג.

בערלין. (סּפּ.) „סאָציאַל דעמאָקראַטישער פרעסע דינסט" מעלדעט, אַז דער לאַנדעס-קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע אין האַמבורג האָט אָנגענומען א רעזאָלוציע, אין וועלכער דער קאָמיטעט זאָגט זיך ארויס געגען דער שטעלונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פראַקציע אין פּאַרלאַמענט.

אין דער רעזאָלוציע ווערט אונטערגעשטראָכען, אַז עס וואָלט געווען א גרויסער פּאָליטישער פעהלער, ווען מען וואָלט געפּרובט ארויסצורופען א רעגירונגס-קריזיס צוליב דעם בוי פון דער קריגס-שיף.

ערד-ציטערניש אין אַלזשיר

טוניז (טוניס) און אַלזשיר איז פאָרגעקומען אַן ערד-ציטערניש, נאָך וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבען א געוואַלדיגער שטורם-ווינד, 20 פּערזאָנען זענען אומגעקומען.

אונזער
מענדעלי-פּרעמיע

צוליב דער גרויסער נאכפראגע אויף אונזער מענדעלי-פּרעמיע, האָבען פערפעהלט עקזעמפּלאַרען און מיר האָבען געמוזט אין פאַרלאַג פערגרעסערן אונזער בעשטעלונג. מיר האָבען ווידער ערהאַלטען א פרישען טראַנספּאָרט פון די מענדעלי-ביכער און אַלע אונזערע אַבאָנענטען און לעזער, וואָס האָבען ביז-איצט די פּרעמיע נאָך נישט בעקומען צוליב דער דערמאָהנטער סבה, קענען זי איצט קריגען אויף די פריהערדיגע בעדינגונגען.

דער פערלאַג
„לאָדזשער טאַגעבלאַט"

באַהן-מיניסטער פאָהרט דורך
אַן אינספּעקציע
אויף דער באַהן פון די סאָוויעטישע גרעניץ.

וואַרשאַ (טעלעפאָניש) דער באַהן-מיניסטער קיהן איז נעכטען ארויסגעפאָהרען אויף אַן אינספּעקציע-רייזע אויף די קרעסען. דער מיניסטער וועט קודם כל בעזוכען די ליניע פון דער ווילנער באַהן-דירעקציע און נאָכדעם בעזוכען דעם שטח, וואָס ליגט ביי דער פּויליש-סאָוויעטישער גרעניץ.

מאָרגען ביינאַכט וועט דער מיניסטער זיך אומקערען קיין וואַרשאַ.

געעפענט דעם צפון-יריד אין ווילנא

ווילנא, (טעלעפאָניש). נעכטען, שבת, 10 פריה האָט זיך אין ווילנא געעפענט דער צפון-יריד. פון דער רעגירונג זענען אָנוועזענד געווען די מיניסטאָרען: קוויאַטקאָווסקי, קיהן און מעטשאַוואַסקי און די מאַרשאַלקאָווא פּילסודסקא מיט איהרע טעכטערלעך.

ווילנא. (א. ח.) אין משך פון היינטיגען טאָג ווערען דאָ ערוואַרט סוחרים פון לאַטוויע, פינלאַנד און עסטלאַנד. עס דערוואַרט אויך אָנקומען אייניגע גרויסע האָלץ-סוחרים פון מעמעל. די מעמעלער סוחרים האָבען נישט געקריגט אויס'ן פּעריבאָט פון דער ליטווישער מאַכט. וועלכע האָט זיי נישט געוואָלט וויזירען די פּאַספּאָרט.

בעשאָסען א יידישען רעסטאָראַן
אין לעמבערג.

לעמבערג (סּפּ.) די פאַרגאַנגענע נאַכט זענען אונבעקאַנטע פּערזאָנען אָנגעפאַלען אויף האַלפּערין'ס רעסטאָראַן, און אָנגעהויבען צו שיסען מיט רעוואָלווערן. צווישען די געסט איז ענטשטאַנען א געוואַלדיגע מהומה. אָפּטוענדיג דאָס רעזולטאַט שטויסעל אַרבייט זענען די שיסער אַנטלאָפען. איינער פון זיי האָט אויפ'ן וועג פערלאָרען דעם קאַפּעליוש. און צוליב דעם איז די פּאָליציי געפאַלען אויף די שפּורען פון די פערברעכער.

מוראַ'דיגע שׂרפה אויף דער באַהן-סטאַציע אין לידע

ווילנא (סּפּ.) אויף דער באַהן-סטאַציע אין לידע איז נעכטען אויסגעבראָכען א מוראַ'דיגע שׂרפה. די היזקות בעטרעפען 200 טויזענד זל. מען רעכענט, אַז מ'האָט דאָ צו טון מיט א פּאָדפּאַליע. נער אונטערזוכונג. די פּאָליציי פיהרט אַן אויספאָרשונג.

קובאַלאַ און אידזשיקאָווסקי
קומען מימאָד קיין פּוילען.

וואַרשאַ (טעלעפאָניש) מימאָד דעם 22 ד. ח. קומען צו פאָהרען קיין וואַרשאַ קובאַלאַ און אידזשיקאָווסקי. קובאַלאַ איז שוין איננאַנצען געזונד.

לאַנדרוי אין אַ לידעל

צוקאַרעסט (סּפּ.) די רומענישע פּאָליציי האָט אַרעסטירט א נעקעסע און טשערנאָוויץ, וועלכע האָט פערנאַרט צו זיך אין דער וואַוינונג מאַנכע פרויען און זיי ערמאָרדעט. ביי דער אויספאָרשונג האָט מען געפונען פיל מענשליכע ביינער אין איהר וואַוינונג, די אַרעסטירטע האָט זיך מודה געווען, אַז אין משך פון 54 יאָהר האָט די אַרעסטירטע 9 מאַנספּערזאָנען. די מערדערין האָט דער יודישער ... א נאַקעטע פּלעבעישע רעקלאַמען? אַז די אַרעסטירטע איז ביים פּאָלקסמענגען ... ראַרף זיין פּערענטוואָרטליך פאַר איהרע מעשים.

סובסידיעס פון דער קהלה פאַר די יודישע אינסטיטוציעס

(—) מאָרגען טרעט צו די קהלה-פערוואַלטונג צו אויסצאָהלען די ווייטערע 10 פּראָצענט פון די סובסידיעס פון 1926/27 פאַר די יודישע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטען, פאַר וועלכע די סובסידיעס זענען בעשטימט געוואָרען.

די דערמאָנטע אינסטיטוציעס דאַרפען זיך ווענדען דעם וועגען אין דער קהלה-קאַנצעלאַריע צום סעקרעטאַר ה' נאָרעל.

פאַרלאַג מעטראַ מוזיק קאָ. ניו-יאָרק

נאָך האָט דערשינען

מיכל געלבאַרט
צען לידער
נאָטען מיט ווערטער
כאָר
מיין גישט — י. ל. פּרץ
איך ליב די אַרבעט — א. פעטנער
ווער האָט עס — איציק פעפער
סאָלאָ
מיין יונגעלע — מאַני לייב
זי — א. רעזען
די נאַכט — א. ראַפּאָפּאָרט
דער שניידער — ש. אַנ-סקי
פאַר א רעגן — א. לוצקי
זיבען שלייערס — א. ניסנזאָן
מאַמעניו מאַמע — יהואש
פּרייז 3.90 גילדען
ביבליאָטעק—ראַבאַט

לידער מיט נאָטען
מוזיק—מ. געלבאַרט
1. שטערנקרענץ פּאַלאַץ — י. ל. פּרץ
2. אין קבר
3. שנעעלע — מאַני לייב
4. צום פרעסט — ח. נ. ביאַליק
5. אלמן — ה. ראָזנבלאַט
6. א ליד דער אַרבעט — ק. חייזלער
7. אין א אָרים שטיבעלע — מ. קאַרמאַן
פּרייז פון יעדען נומער 1.80 גילדען
8. ביי איך מיר א שניידערל (פּאָלקס-ליד)
9. מיר שניידען — ש. וואַלמאַן
פּרייז פון יעדען נומער 1.20 גילדען
ביבליאָטעק—ראַבאַט

פאַרקויף:
אין בוכהאַנדלונג ג. בעראַלינסקי, לאָדזש, אַלטשטאָט 12, רעכטע אָפיצ. 2. שט. און ביי ח. זאָננענבערג, זאַמענהאָף 19.

Dr. med. H. Gutsztad
אַקושער-גינעקאָלאָג
Zachodnia 62 (Cegielniana 23)
Telefon 26-63
צוריקגעקומען
נעמט אָן פון 9 ביז 10 פריה און פון 5 ביז 7 אָוונט

Dr. med. A. Mazur
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט, האָר און געשלעכטס-קראַנק.
אויך שטום און שטאַרקע-פּעהלער
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
וושכאָדניאַ 65
אַריינגאַנג אויך דורך פּיאָטרקאָווסקאַ (46) טעל. 66-01.
נעמט אָן פון $12\frac{1}{2}$–$1\frac{1}{2}$ און פון 5–8 נאַכמ.

Dr. Różaner
ספּעציאַליסט פאַר הויט-ווענערישע קראַנקהייטען
און מענער-שוואַכקייט.
היילונג מיט עלעקטרי-שטראַלען און דיאַטערמיע
Dzielna 9 (Narutowicza) 28-98 טעל.
פון 8—10, 5—8, פרויען 3—4.

בעגראָבען לעבעדיגערהייט א יודישע פרוי

א סענסאַציאָנעלע געשיכטע מיט א סאַמבאָרער יוד. פרוי, וואָס איז געטראָפען געוואָרען פון א דונער

לעמבערג. — אין סאַמבאָר האָט מיט עטליכע טאָג צוריק געבושעוועט א שטאַרקער שטורם, וועלכער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט גרויסע היזקות.

בעת'ן שטורם איז די 38-יעהריגע יודישע פרוי פייגע פינקעלהויז אויפ'ן סאַמבאָר געווען אין פעלד. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען א גרויסער שלאַגס-רעגן און א שטאַרקער האָגעל האָט זיך די פרוי פינקעלהויז געלאָזט געהן א היים.

און צווישען האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו בליצען און צו דונערן. די יודישע פרוי, וועלכע איז געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט האָט זיך געלאָזט לויפען א היים. פּלוצלינג האָט זי בעקומען מורא פאַר די שרעקליכע דונערן און האָט זיך דערפון בעהאַלטען אונטער א איינזאַמען הויכען בוים, וועלכער איז געשטאַנען אין פעלד.

די יודישע פרוי, וואָס האָט זיך אונטער'ן בוים געוואָלט בעהאַלטען פאַר'ן דונער האָט נישט געוואוסט, וואָס פאַר א סכנה עס דראָהט איהר, ווען זי שטעהט אונטער א בוים. עס איז בעקאַנט, אַז דונערן פאַלען אָפט אַריין אין איינזאַמע בוימער, וואָס שטעהען אין פעלד.

אַזוי איז אויך טאַקי געשעהן. אין א געוויסען מאָמענט האָבען שטאַרקע שוואַרצע וואָלקענס בעדעקט דעם הימעל. עס איז געוואָרען שטאָק-פינסטער. פּלוצלינג האָבען זיך געוואָרפען בליצען איבער'ן פערוואָלקענטען הימעל און דונערן האָבען גערודערט. און מיט א מאָל —טראַך... א דונער איז אַריין אין בוים און גלייכצייטיג געטראָפען די פרוי, וועלכע איז תיכף אָהן סמנים פון לעבען געפאַלען אויף דער ערד.

אַזוי איז זי געלעגען בערך 20 מינוט. און דער ווייס, וואָס עס וואָלט מיט דער יודישער פרוי, וואָס איז געטראָפען געוואָרען פון א דונער, געשעהן, ווען עס וואָלט צופעליג נישט געקומען אַדורכפאָהרען צוויי פּויערישע פיהרען. די פּויערים, וואָס האָבען געזעהן ליגען הינטער'ן בוים א פרוי אָהן סמנים פון לעבען, זענען אַראָפּ פון וואַגען און האָבען די פרוי דערקענט. זיי האָבען באַלד פעסטגעשטעלט, אַז [illegible] נישט קיין סמנים פון לעבען, וויל זי איז געוואָרען געטראָפען פון א דונער.

די פּויערים האָבען דעם קערפּער ארויפגענומען אויפ'ן וואַגען און האָבען איהם אָפּגעפיהרט אין שטאָט. עס איז באַלד געוואָרען א רעש. די קרובים זענען זיך צונויפגעלאָפען, מען האָט גענומען בעווייגען דעם פריהצייטיגען און טראַגישען טויט פון דער יודישער פרוי און מען האָט אָנגעהויבען צו מאַכען הכנות צו דער לויה.

מען האָט די פרוי שוין מקבר געווען, נור פּלוצלינג האָט איינער פּויער זיך אָפּגערופען, אַז מען האָט די פרוי געקענט אָפּראַטעווען פון טויט. נור מען מוז זי בעגראָבען א האַלבע שעה אין דער ערד, וועלכע וועט אויסציהען פון קערפּער דעם דונער און די פרוי וועט ווערען לעבעדיג.

נישט געטראַכט לאַנג, וואָס צו פערלירען האָט מען בעפאָלגט דעם פּויער'ס עצה:

מען האָט אויסגעגראָבען א גרוב, אַריינגעלעגט די פרוי און דאַן זי צוגעשיט. נור דעם קאָפּ האָט מען געלאָזט פריי.

מיט דער גאַנצער מעשה זענען געווען אָנוועזענד פיל מענשען, דערונטער די קרובים פון דער פרוי. די קרובים האָבען דערביי שטאַרק געחלש'ט, אַזוי, אַז מען האָט זיי קוים אָפּגעמונטערט.

אַזוי איז די פרוי געלעגען בערך א האַלבע שעה. פּלוצלינג האָט מען בעמערקט, אַז זי הויבט זיך אָן צו בעוועגען. זי האָט געעפענט די אויגען, גענומען מיט די ווייטלעכער און פייל אַרומגעקוקט זיך און נאָך 43 מינוט האָט זי אָנגעהויבען עפּעס אומפערשטענדליכעס צו שטאַמלען.

מען האָט זי דערויף אַרויסגעגראָבען, א היים געפיהרט און געלעגט אין בעט אַריין. נאָך צוויי טאָג איז די פרוי געקומען צו זיך און איצט פיהלט זי זיך שוין גוט. זי איז געזונד און האָט שוין פערלאָזען דאָס בעט.

די מעשה האָט אין סאַמבאָר און אין דער סביבה ארויסגערופען א געוואַלדיגע סענסאַציע.

לאָדזשער טאָגעבלאַט

דער רעדאַקטאָר: נעמט-אָן פון 6 ביז 7 אין אָוונט.

נישט בעשטעלטע מאַנוסקריפּטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

„Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 16 :אדרעס

טעלעפאָנען: פון רעדאַקציע 57. אדמיניסטראַציע 47.

אייביגער שלום

און מענשליכע אינטערעסען.

עס קערט זיך וועלטען מיט קעלאָגס שלום-פּראָיעקט, און די וועלט בלייבט די זעלביגע, ד. ה. קריגעריש און מערדליך.

נישטאָ עפּעס די יום-טוב'דיגע שטימונג, נישטאָ די אויפגעלעבטקייט. ס'איז אַן אַלטאַגלעכער יום-טוב, וואָס דער ריכטער פּעטער האָט איינגעאָרדנעט פאַר זיינע קרובים און זיי געהייסען פרייליך זיין.

און אפילו צווישען די קרובים האָט דער פּעטער געמאַכט אַן אויסקלייב: נישט אַלע וועלען זוכה זיין אין דער שמחה אָנטייל צו נעמען.

וואָס זאָל עס בעדייטען? זאָל עס זיין, אז שלום-ושלוה גילט בלויז פאַר די גרויסע, און די קליינע מעג מען שלאָגען? א שטייגער, דאָס האָט קעלאָג וואָס אָפּגעוואָרפען טשיטשערינס פאָרשלאָג — זאָל עס זיין א סימן, אז די תקנות פון אייניגען שלום וועלען נישט חל זיין אויף'ן ראַטען-פאַרבאַנד און איהם וועט געגעבען א פרייע האַנד צו פיהרען מלחמות, אָדער פאַרקערט, אַלע איבריגע מלוכות וועלען מעגען געגען ראַטען-פאַרבאַנד פיהרען מלחמות נישט, עובר זייענדיג אויף קעלאָגס פאַרבאָט?

פאַרשטענדליך, אז אמעריקא מעג שיקען איהר מיליטער אין ניקאַראַגוא, ענגלאַנד אין מצרים, פראַנקרייך אין איהרע קאָלאָניעס. דאָס האָבען שוין די גרויסמאַכט זיך אויסגעדונגען ביי דער אַמביקאַט (פון שלום) א הנחה פאַר זייערע פּאָליטישע אינטערעסען. ווי האָט אָבער זיין, אויב עס וועט אויסבראָכען א פאַרמישטער קאָנפליקט אויף'ן אייראָפּעאישען קאָנטינענט, דאַרטען, וואו עס שטויסען זיך צוזאַמען די אינטערעסען פון די קאָנטראַהענטען גופא? דייטשלאַנד, למשל, האָט נישט אויפגענומען קיין שום תנאי בעת געבען איהר הסכמה אויף קעלאָגס פּראָיעקט: די האָט דאָך נישט קיין קאָלאָניעס און קיין עבד מכח, אָבער אויב דער ראַטען-פאַרבאַנד וועט נעשטעלט ווערען אויסער'ן געזעץ, דעמאָלט האָט זי שוין אויך בעוואַרענישען.

אַנ'אויפדרוק פון די דאָזיגע בעזאָרגענישען איז דער אַרטיקעל פון פּויל שעפער, דעם בעקאַנטען מיטאַרבייטער קאָרעספּאָנדענט פון „בערלינער טאַגעבלאַט", אין נומער פון 15-טען אויגוסט. דער אַרטיקעל איז געשריבען אין מאָסקווע דעם 1-טען אויגוסט, ד. ה. צוויי טעג נאָך פּילסודסקיס רעדע. מען וואָלט געקענט זיך אויסלייגען, אז עניין ליטע זאָל לעת-עתה אַראָפּגענומען ווערען פון סדר היום: לאָזט זיך אויס: ניין. גראָד דער אַרטיקעל קען בעדייטען א צוריקקעהר צו דער פּרוחאָריענטאַציע אין דער דייטשער אויסערן-פּאָליטיק.

דייטשלאַנד האָט חרטה, האָט די האָט צום שלום-פּראָיעקט נישט צוגעגעבען איהר בעמערקונג בנוגע ליטע. פּויל שעפער ערקלערט, פאַרוואָס די אינפאָרמאַנטען פון ליטע איז אזוי וויכטיג פאַר דייטשלאַנד פון מיליטערישען און קאָמערציעלען שטאַנדפּונקט. דער דייטשער סחורה-פאַרקעהר מיט'ן ראַטען-פאַרבאַנד וואָלט אין פאַל פון ליטעס אַרונטערפאַלען אונטער פּוילען געוואָרען אינגאַנצען אָפּהענגיג פון פּוילען. פּויל שעפער גייט אזוי ווייט, אז ער וואָלט יעדענפאַלס שטערייבט אין יענעם פאַל פאַר א צעשטערונג פון דער גאַנצער ליניע פון דער דייטשער פּאָליטיק פאַר די לעצטע צעהן יאָהר.

די דאָזיגע ליניע האָט פאַר דער לעצטער צייט זיך א היפּש ביסעל פאַרבראָכען. האָט איז דאָ חיזוק צו זוכען דער דעמאַרש פון דייטשען פאַרשטעהער אין קאָוונע, האָט האָט אַרויסגערופען אזוי פיל ביי בלויז אין קאָוונע און מאָסקווע, איז אויך געוועזען שיר נישט דיקטירט דורך ענגלאַנד און איז געווען אַרויסגערופען דורך דער האָפענונג צו פאַרשנעלערען די ריין עוואַקואַציע.

די דאָזיגע האָפענונגען האָבען פאַרפיהרט. ס'איז נאָך ווייט צום געלינגער, און קעלאָגס „שלום" איז שוין גאַנצנע. דייטשלאַנד האָט זיך אַרומגעזעהן, אז דער אָפּבראַך שנירט פון איהר אָפּ איהר שכן פון מזרח אָן א שום קאָמפּענסאַציע.

פּויל שעפער ענדיגט זיין אַרטיקעל פילבאַדייטענדיג: קיין זאַך קען אזוי נישט שאַדען דער שלום-זאַך, ווי די אויסנוצונג פון אַנ'אידעאַל פאַר דער טאַקטישער שפּיל פון דער דיפּלאָמאַטיע, בעת עס דאַרף זיין קלאָר פאַר די פעלקער, אז בינו-לבינו גייט אָן געשמאַק די שפּיל מיט מלחמה און קריגמאַכענדיגע „פּאָליטיק". פונקט ווי טשיטשערין.

J.

א יוד פון א קליין שטעטעל אין פּוילען מיטגליד פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע

און גרויסער פראַנצויזישער דיפּלאָמאַט.

פּאַריז. — דער נאָמען פון פּאַלעאָלאָג איז דעם ליי ענער-עולם גוט בעקאַנט. ערשט נישט לאַנג איז ער נאָמינירט געוואָרען אַלס אונטערליכער מיטגליד פון דער „פראַנצויזישער אַקאַדעמיע" און פאַר דער וועלט-מלחמה האָט ער זיך דאָך בערימט געמאַכט אַלס פראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר אין פּעטערבורג.

א פּעטרעוואַנגסטען פון פּואַנקאַרע איז ער א ביסט לאַנג געשיקט געוואָרען אין פאַרשידענע דיפּלאָמאַטישע מיסיעס קיין טאַנזשער, רוים, כינא, קאָרעא, סאָפיע א. אנד. ביז ער איז אין יאָהר 1914 נאָמינירט געוואָרען אַלס פראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר אין הויף פון צאַר.

לעצטענס האָט דער פּוילישער היסטאָריקער סאָקאָלניצקי פאַרעפענטליכט א גרעסערע אַרבעט וועגען פּאַלעאָלאָג. ער קריטיקירט איהם פאַר זיין בעציהונג צו פּוילען און וואַרפט איהם פאָר, אז ער האָט אויף דעם צאַרישען הויף שטענדיג אויפגעמונטערט צו בעריהרען די פּוילישע פראַגע.

ס'איז דערביי אינטערעסאַנט צו ציטירען אַנ'אָרט פון סאָקאָלניצקי'ס רעוועלאַציעס וועגען דער אָפּשטאַמונג פון פּאַלעאָלאָג:

„ס'איז אינטערעסאַנט — שרייבט סאָקאָלניצקי — פּאַלעאָלאָג האָט זיך נאָך אַלס אַמבאַסאַדאָר אין רוסלאַנד גאָר שטאַרק אינטערעסירט מיט דער יודישער פראַגע. ער האָט אפילו א סך מאָל ענערגיש אינטערווענירט במה צער לטובת די רוסישע יודען..."

און ווייטער שרייבט סאָקאָלניצקי:

„פּאַלעאָלאָג שטאַמט פון א גאַליציש גענס, ער איז געבוירען געוואָרען אין איינעם פון די יודישע שטעטלעך אין גאַליציען. דאָ איז ער געגאַנגען אין יודישען חדר אַריין אָבער שפּעטער, ווען ער איז געקומען אין דער ווייטער וועלט, האָט ער פאַרגעסען אן זיין אָפּשטאַמונג און ער האָט דאָרט בעקומען א נייעם נאָמען..."

עקספּאָזע פון ראַטמאַן ס. הינדעס

מיטגליד פון דעם גרויסען ציוניסטישען אַקציאָנס-קאָמיטעט, מיטגליד פון דעם צ. ק. פון דער ציון. אָרגאַניז. אין פּוילען.

אין פרייטאָג'דיגען נומער פון אונזער צייטונג האָבען מיר געבראַכט לעוויטע'ס עקספּאָזע וועגען אַקציאָנס-קאָמיטעט, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר די פאַרשטעהער פון דער יודישער פּרעסע. היינט ברענגען מיר די עקספּאָזע פון מ. הונדעס.

זינט דעם לעצטען קאָנגרעס, האָט אָנגעהויבען מ. הונדעס, הערט מען בסדר אין דער ציוניסטישער עפענטליכקייט שטימען, אז „עס זינט א נייער קורס אין ציוניזם — דער קורס פון „עת לבנות". אַסמייסטענס הערט מען די דאָזיגע בעהויפּטונג פון די געגנער פונ'ם נייעם קורס — א בעווייז, אז זי שטאַמט נישט פון גאוה פון די זייגער.

די ריכטונג „עת לבנות" איז ענטשטאַנען אין פּוילען און דאָ פיהרט זי איהר אורדען-קאַמף. עס איז דערנאָך אונזער פליכט לגבי דער פּרעסע צו געבען א סיסטעמאַטישע איבערזיכט פון אונזערע אידעען, און עס איז די פליכט פון דער יודישער פּרעסע זיך צו בעקענען מיט דער דאָזיגער ריכטונג.

ווען איך וואָלט געוואָלט כאַראַקטעריזירען אונזער ריכטונג אין איין וואָרט, וואָלט איך געזאָגט, אז מיר זענען די ליבעראַלען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. מיר זענען ליבעראַלען אין אונזער פּאָליטישען פּראָגראַם: מיר קעמפען דערפאַר, אז די רעכט פון יודישע פּיאָנערן, וועלכע האָבען די אויפגאַבע און דעם חוב צו בויען די יודישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל, זאָלען פאַרשפּרייט ווערען אויף אַלע יודען (די פּאָליטיק פון דער יודישער אגענץ). מיר זענען ליבעראַלען אין אונזער ווירטשאַפטליכען פּראָגראַם: מיר גלייבען, אז די הויפּטראָלע אינ'ם געזונטען אויפבוי פון ארץ ישראל געהערט דעם יחיד, דער אינדיווידועלער ענערגיע, דער פּריוואַטער איניציאַטיווע. מיר זענען אויך ליבעראַלען אין אונזער בעציהונג צו סאָציאַלע פראַגען: מיר לאָזען איבער יעדער גרופּע פונ'ם יודישען פאָלק צו לעבען אין ארץ ישראל לויט איהרע סאָציאַלע אידעען — מיט איין תנאי, אז איהר ווירטשאַפט זאָל נישט געבויט ווערען אויף זאַמד, געגען די אייזערנע עקאָנאָמישע געזעצען.

אויף דער לעצטער זיצונג פון אַקציאָנס-קאָמיטעט אין בערלין האָבען מיר געהאַט די געלעגענהייט צו גרופּירען אַרום די דאָזיגע אידעען כמעט אַלע אַלגעמיינע ציוניסטען, און איך וועל פאַרזוכען צו געבען דאָ אַנ'איבערזיכט דערפון.

וואָס איז פאָרגעקומען אין בערלין, אין ליכט פון אונזער אידעע..

די יסודות פון דער „אידזשענסי" פּאָליטיק.

צווישען די אַנהענגער פון דער „אידזשענסי" פּאָליטיק, פונקט אזוי ווי צווישען איהרע געגנער, זענען פאַראַן מענשען און גרופּען, וועלכע זענען געקומען צו זייער שטעלונג, אַרויסגעהענדיג פון פאַרשידענע מאָטיווען. די ריכטונג „עת לבנות" האָט אָבער א קלאָרע שטעלונג אין דער פראַגע. עס איז נישט ריכטיג, ווען מען וויל אונז איינרעדען, אז מיר קוקען אויף דער „אגענץ", ווי אויף א גוטען געלד-געשעפט. מיר ערוואַרטען אז ביי א פאַרברייטערטער באַזע פונ'ם אויפבוי, וועט מען פאַרגרעסערען אויך דעם מאַסשטאַב און פאַרשנעלערען דעם טעמפּאָ פון אונזער אַרבייט. אָבער דאָס איז נישט אונזער מאָטיוו. עס איז אויך נישט ריכטיג, אז מיר „האָבען פאַרלוירען דעם גלויבען אין די אייגענע „כחות" א. אז. וו.

מיר קעמפען זינט 5 יאָהר פאַר דער פאַרברייטערונג פון דער „אגענץ" צוליב טיפע פּרינציפּיעלע מאָטיווען, מיר האַלטען, אז דאָס פאָלק שטעהט איבער דער פּאַרטיי. מיר האַלטען, אז ארץ ישראל איז דער קנין פונ'ם גאַנצען יודישען פאָלק, און עס וואָלט געווען א נאַרישקייט און א פאַרברעכען מצד דער ציונ. אָרג. זיך צו האַלטען ביי איהר צייטווייליגען מאָנאָפּאָל. א נאַרישקייט, ווייל די קינסטליכע אָבזונדערונג וואָלט געמוזט פיהרען צו דער אָפּשוואַכונג פון דער ציונ. אָרג. א פאַרברעכען, ווייל זי וואָלט קינסטליך אונטערדריקט דעם א"י'דיגען אינסטינקט אין די נישט אָרגאַניזירטע (אזוי גערופענע: „נישט-ציוניסטישע") קרייזען פונ'ם יודישען פאָלק.

ד"ר ווייצמאַן האָט אין א קאָמיטעט-זיצונג אין בערלין ערקלערט: „די אָרג. איז פאַר מיר נישט קיין פעטיש, זי איז נאָר א מיטעל צו א צוועק". און מיר זאָגען אָפען: מיר ווילען אָרגאַניזירען דעם פּאָטענציאַלען יודענשטאַט און גלות, אָבער מיר ווילען איהם שאַפען אין ארץ ישראל. און אינערהאַלב פון דעם דאָזיגען „יודענשטאַט אונטערוועגס" ווילען מיר — די ציונ. פּאַרטייען אָדער דער בלאָק פון די ציונ. פּאַרטייען, וועלכער איז פאַראייניגט אין דער ציונ. אָרג. — שפּילען די ראָלע, וועלכע עס שפּילט יעדע פּאַרטיי און יעדער מלוכה: קעמפען פאַר אונזערע אידעאַלען און שטרעבען צו זייער נצחון.

די אגענץ"-פראַגע אויף דער זיצונג פונ'ם אַקציאָנס-קאָמיטעט

אויף דער בערלינער זיצונג פונ'ם א. ק. האָט דער געדאַנק פון דער פאַרברייטערטער אגענץ אָפּגעהאַלטען א גלענצענדען נצחון. די רעזאָלוציע מכח דער אגענץ איז אָנגענומען געוואָרען מיט 41 שטימען געגען 4. וויכטיג איז דערביי, אז די דאָזיגע צאָהלען זענען נישט קיין רעזולטאַט פון וועלכע עס איז קינסטליכע פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמבינאַציעס, נאָר אַנ'אויסדרוק פון דעם אמת'ן כחות-פאַרהעלטניש אינ'ם א. ק. די „אגענץ"-פּאָליטיק האָט אין בערלין בעקומען נייע אָנהענגער און פרישע אונטערשטיצונג; דאָס איז די בעדייטונג פון דער בערלינער זיצונג.

קודם-כל איז וויכטיג די שטעלונג פון „פּועלי-ציון". די גרופּע, וועלכע האָט ביז אַחער געהאַט די גרעסטע ספקות וועגען דער „אגענץ", האָט אינ'ם סאַמע ברען פונ'ם קאַמף, ווען עס האָט זיך נאָך געדוכט, אז די געגענזאַצען זענען נישט בייצוקומען, קלאָר ערקלערט דורך איהר פיהרער דוד בן-גוריון, אז זי („פּועלי ציון") איז פאַר דער פאַרברייטערונג פון דער „אגענץ" און אז איהר ווידערשטאַנד ריכטעט זיך נאָר געגען דעם עקספּערטען-בעריכט. אויך דער „מזרחי" האָט אָנגענומען פון ערשטען מאָמענט א קלאָרע פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער פראַגע. אויך א טייל פון דער „אַלטער גוואַרדיע", ד. ה. פון יענע פרי-דינסטפולע ציוניסטען, וועלכע לעבען מעהר מיט דער טראַדיציע, ווי מיט דער ווירקליכקייט, האָט דאָס מאָל געגעבען איהר אונטערשטיצונג דער „אגענץ-פּאָליטיק". אזוי אַרום האָט זיך געבילדעט א זעהר שטאַרקע געשלאָסענע מעהרהייט.

אמת, מענשען האָבען דערביי געהאַט ספקות. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אז די דאָזיגע ספקות זענען פון גאַנץ פאַרשידענער נאַטור. אין טייל — די ראַדיקאַלען און טיילווייז די רעוויזיאָניסטען — האָבען מורא פאַר די ציוניסטישע מאַכט-פּאָזיציעס אינ'ם יודענטום. זיי האָבען מורא, אז די נייע שותפים וועלען ביי אונז אַרויסלאָזען די מאַכט און די מעגליכקייט צו בעאיינפלוסען די אויפבוי-אַרבייט. דעריבער האַלטען זיי אין איין טראַכטען וועגען פאַרשידענע „בעוואָרענישען" (פּראָפּאָרציעס, א מינימום פון 6 לענדער, אָרגאַניזאַציאָנעלע גאַראַנטיעס א.אזוו.). דאַגעגען די אַרבייטערשאַפט האָט אַנדערע ספקות. זי האָט נישט קיין מורא פאַר אונזערע מאַכט-פּאָזיציעס און זי שפּילט נישט אין מאַכט-פּאָליטיק. זי האָט מורא פאַר איהרע רעאַלע פּאָזיציעס אין א"י. איהר געגנערשאַפט האָט זיך געריכטעט נישט געגען דעם פּרינציפּ פון דער פאַרברייטערטער „אגענץ" נאָר געגען דער געפאַהר, וועלכע דראָהט לויט איהר מיינונג, די עראָבערונגען פון דעם אַרבייטער און דעם יודישען לאַנד. דערוועגען האָט זי מאָכט איבערגעטראַגען דעם קאַמף אויף אַנ'אַנדער פעלד און געגעבען די שלאַכט אין דער פראַגע פונ'ם עקספּערטען-בעריכט.

דער קאַמף אַרום דעם עקספּערטען-בעריכט און זיין לעזונג.

אפשאַצענדיג דעם עקספּערטען-בעריכט, וועלכער טראָגט די אונטערשריפטען פון פעליקס וואַרבורג, ל. פראַנקעל, אָסקאַר וואַסערמאַן און לאָרד מעלטשעט (סיר אַלפרעד מאָנד), מוז מען קודם-כל פעסטשטעלען איין זאַך. די פיהרענדע נישט-ציוניסטען סיי אין אמעריקא און סיי אין אַנדערע לענדער, האָבען ביז אַהער געהאַט עהרליכע ספקות וועגען דעם, צי א"י איז בכלל מסוגל פאַר קאָלאָניזאַציע. אט די ספקות זענען געוועזען די גרעסטע שטערונגען אויפ'ן וועג פון זייער פולהאַרציגער בעטייליגונג אינ'ם אויפבוי פון א"י. מען האָט דעריבער אַרויסגעשיקט עקספּערטען, זאַכליכע עקספּערטען, קאַלטע עקספּערטען, ניכטערע עקספּערטען, ווי ד"ר ווייצמאַן האָט בעטאָנט אין בערלין, האָט די ציונ. אָרג. געטאָן אַלץ, כדי זיי איבערצולאָזען פול געוויסענס-פרייהייט און כדי זיי נישט צו בעאיינפלוסען. די תשובה פון די עקספּערטען האָט בעזייטיגט אַלע ספקות. דער זין פון זייער בעריכט איז: א"י איז מסוגל פאַר קאָלאָניזאַציע, מען מוז נאָר ענדערן די קאָלאָניזאַציאָנס-פאָרמען.

די עקספּערטען האָבען געמאַכט זייערע עמפּפעהלונגען פון ווירטשאַפטליכען שטאַנדפּונקט. די טענה פון דער אָפּאָזיציע איז געווען: עס פעהלט אין דעם בעריכט דער נאַציאָנאַלער שטאַנדפּונקט. איז עס אמת, אז די צוויי שטאַנדפּונקטען — דער ווירטשאַפטליכער און דער נאַציאָנאַלער — שטעהען אין א געגענזאַץ איינער צו דעם אַנדערען? מיר, די „עת לבנות", האָבען שטענדיג געהאַלטען, אז די בעסטע שטאַנדפּונקטען דעקען זיך. מיר גלייבען נישט אין נסים, דערפאַר אָבער גלייבען מיר אין א"י. די ראַדיקאַלען, דאַגעגען, גלייבען בכלל נישט אין ווירטשאַפטליכקייט ביים אויפבוי פון א"י. לויט זייער מיינונג, איז דער אויפבוי פון א"י א זאַך, וואָס קען נישט געמאַכט ווערען מיט בלייסטיפט און מיט חשבונות. זיי גלייבען נאָר אין א נס — און דעם פון מיסטישער התלהבות.

די לינקע פּאַרטייען פאַרנעמען א מיטעל-שטעלונג. זיי גלייבען אין ווירטשאַפטליכקייט און ערקלערען, אז זיי זענען גרייט צו מאַכען אַלע אָנשטרענגונגען, כדי זייער קאָלאָניזאַציע זאָל זיין ווירטשאַפטליך. דערמיט שטעהען זיי אויף א גאַנצען טריט נעהנטער צו אונז, איידער צו די ראַדיקאַלע מיסטיקער. אָבער זיי גלייבען, אז אין געוויסע פּונקטען איז דער ווירטשאַפטליכער שטאַנדפּונקט — ווענונגסטענס אזוי, ווי ער איז אויסגעדריקט געוואָרען אין דעם עקספּערטען-בעריכט, געקומען אין געגענזאַץ צו דעם נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט. דאָס בעציהט זיך בעיקר אויף 2 פראַגען: קבוצה און נאַציאָנאַל-פאָנד. א טייל פון דער אַרבייטערשאַפט (נאָר די גאַנצע!) און א קלענער טייל פון די אַלגעמיינע ציוניסטען גלייבען אין דער ווירטשאַפטליכקייט פון דער קבוצה. דער גרעסערער טייל פון דעם ישוב און פון יעדער ציוניסטישער בעוועגונג גלייבט אין איר נישט. מיר, די „עת לבנות" זענען געווען די ערשטע, וועלכע זענען אַרויסגעטרעטען און א שטרייט-פראַגע צווישען אונז: צי די קבוצה קען זיין ווירטשאַפטליך אָדער נישט, דאַגעגען האָבען מיר אויפגעשטעלט דעם פּרינציפּ: גלייכע בערעכטיגונג פון אַלע קאָלאָניזאַציאָנס-פאָרמען — אזוי צו זאָגען, סאָציאַלע זעלבסטבעשטימונג פון די ווירבער, וועלכע ווערט בעגרענעצט נאָר פון איין פאָדערונג. אז די זיידלונגען זאָלען זיך קענען זעלבסט ערהאַלטען און זאָלען נישט זיין אָנגעוויזען אויף אייביגע סובסידיעס — אַלס בעריכטערשטאַטער פון אונזער רעזאָלוציע אין דער אגענץ-קאָמיסיע, האָב איך בעגרינדעט דעם דאָזיגען פּרינציפּ. איך האַלט איהם פאַר אונזער פּרינציפּ, פאַר'ן פּרינציפּ פון יודישען ליבעראַליזם. אונזער טענה איז שטענדיג געווען, אז די אַרבייטער פאָדערן פאַר זיך פּריווילעגיעס. אויפ'ן יסוד פון גלייכבערעכטיגונג קענען מיר לייכט אייניג ווערען.

אויך אין דער צווייטער פראַגע — אין דער פראַגע פון נאַציאָנאַל-פאָנד — איז דערגרייכט געוואָרען א פּשרה. דער פּרינציפּ פונ'ם נאַציאָנאַלען באָדען איז לגבי פעלד און גאַנץ בעשטעטיגט געוואָרען. אָבער גלייכצייטיג איז אויך בעשטימט געוואָרען די נויטווענדיגקייט צו ענטוויקלען דעם פּריוואַטען באָדען-בעזיץ.

נאָך דעם ווי די דאָזיגע פּשרה-פּונקטען זענען דערגרייכט געוואָרען — און איך וויל דאָ ערקלערען, אז זיי ליגען פאָלשטענדיג אויף אונזער ליניע — זענען די ענטשיידענדע בעשליסען איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען און דער אַלגעמיינער רעזאָלוציע וועגען דער אגענץ. אויך זיי זענען אָנגענומען געוואָרען מיט דער זעלבער מעהרהייט: 41 געגען 4.

דער סאַקער-קריזיס און זיין אויסגאַנג.

אין דער פראַגע פון דער אגענץ און אויך פון דעם עקספּערטען-בעריכט האָט דער נייער קורס אָפּגעהאַלטען א נצחון. האָט מען געוואָלט איהם געבען א קלאַפּ אין דער פּערזאָן פון סאַקער.

עס איז אונפאַראַנטוואָרטליך צו פאַרגלייכען סאַקער'ן מיט די פאַרשידענע יק"א בעאַמטע, וועלכע זענען געוועזען אזוי אונפּאָפּולער אין ארץ ישראל. דאָס קען מען טאָן אין וואַרשא. אָבער פון די א"י'דיגע אַרבייטער, וועלכע זענען דאָך סאַקער'ס גרעסטע אונרעכטע געגנער, האָב איך געהערט א סך שבחים אויף איהם.

סאַקער איז דער ערשטער אַלגעמיינער ציוניסט, וועלכער איז געגאַנגען אין דער א"י'דיגער עקזעקוטיווע מיט א געוויסען פּראָגראַם און געבליבען איהם טריי ביז'ן סוף. סאַקער איז אַנ'עהרליכער און גראַדליניגער מענש. ער איז אויך א שטאַרקער מענש. די סאַקער-עקזעקוטיווע שלעפּט זיך נישט נאָך די געשעהענישען, זי רעגירט. זי האָט צוריקגעשטעלט דעם אויטאָריטעט פון דער עקזעקוטיווע אין די אויגען פון דער אויסערליכער וועלט. זי איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט בעהערשט די לאַגע און זיך ענטגעגענגעשטעלט אַלע גרופּען-אינטערעסען פון די פאַרשידענע טיילען פונ'ם ישוב.

די פאַרטרעטער פון די דאָזיגע גרופּען-אינטערעסען האָבען מיר אויסגעדריקט אונצופריד. מיר זענען דערפאַר זיכער, אז די מאַסען שטעהען נישט הינטער זיי. איך בין בפרט איבערצייגט, אז מיין פריינד כופּראַסקי און מאָסינזאָן האָבען געהאַנדעלט געגען די שטימונגען פון זייערע וועהלער.

סאַקער האָט געהאַנדעלט ווי א דיקטאַטאָר. ער האָט זיך נישט געשטעקט הינטער פאָרמעלע תירוצים — ער האָט דעמיסיאָנירט. טראָץ אַלע געגען-מאַנעוורען, האָט ווייצמאַן סאָלידאַריזירט מיט סאַקער'ן. די גאַנצע עקזעקוטיווע האָט געפאָלגט סאַקער'ן. די אָפּאָזיציע האָט זיך לאַנג געקוועקלט ביז זי האָט איבערגענומען די בילדונג פון דער נייער עקזעקוטיווע. א גרויסער טייל פון דער אָפּאָזיציע האָט אָפען ערקלערט: מיר ווילען האָבען ווייצמאַנ'ען, אָבער מיר ווילען איהם געבען אונזערע מענשען און אונזער פּראָגראַם. נאָך דעם אָבער, ווי די אַלגעמיינע ציוניסטען האָבען קאַטעגאָריש ערקלערט, אז זי פאַרלאַנגען פון דער אָפּאָזיציע צו בילדען די נייע עקזעקוטיווע, האָבען די „פּועלי ציון" איבערגענומען די דאָזיגע אויפגאַבע. זיי האָבען נאָך אַמאָל בעוויזען אז זיי זענען צוזאַמען מיט „מזרחי" די איינציגע ערנסטע און פאַראַנטוואָרטליכע עלעמענטען צווישען דער אָפּאָזיציע.

די אָפּאָזיציע האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט פאַר אונפעהיג צו בילדען די נייע עקזעקוטיווע. דער תירוץ וועגען דער „קורצער צייט" איז נישט מעהר ווי א תירוץ. א גרויסער טייל פון דער אָפּאָזיציע און קודם כל די פּועלי ציון און די ראַדיקאַלען — זענען געפאָהרען קיין בערלין מיט דער פאַרטיגער אונצופרידענהייט אין דער קעשענע. פאַרוואָס האָבען זיי נישט צוגעגרייט זייער עקזעקוטיווע? איבערהויפּט פלעגען אַלע ציונ. עקזעקוטיוועס געוועהלט ווערען אין איין טאָג — אָפט אין א פּאָר שעה.

נאָך דעם מיסערפאָלג פון די „פּועלי-ציון" איז די אַלגעמיינע עקזו. אויפגעפאָדערט געוואָרען צו בלייבען אין אַמט. דאַגעגען האָבען געשטימט נאָר די צוויי רעוויזיאָניסטען. די עקזו. איז אזוי אַרום

(ענדע ווייטער)

W słońcu i na plaży
Kremy Elida są najlepszą ochroną cery

ELIDA

Przed kąpielą i wieczorem przed udaniem się na spoczynek — Elida Coldcream. Po kąpieli i o każdej porze dnia, na słońcu i ostrem powietrzu — Krem Elida Co Godzinę.

ELIDA

לאָדזשער כראָניק.

ליכטיג נעבען פאַבריקס־וואָקזאַל.

(מ) לויט אַ פאַראָרדנונג פון מאַגיסטראַט, וועט בקרוב די עלעקטראָווניע דורכפיהרען עלעקטרישע אינסטאַלאַציע צו בעלייכטען דעם פּלאַץ נעבען פאַבריקס־וואָקזאַל און די וועגנלאַווע גאַס.

אַ שרפה הינטער לאָדז.

(§) נעכטען האָט אין דאָרף מאַלינאַ־וואַ לאָדזשער פּאָוויאַט אויסגעבראָכען אַ גרויסע שרפה אין דער ווירטשאַפט פון סטעפאַן ראַטשינסקי. דאָס פייער האָט זיך זעהר גיך פאַרשפּרייט און אַלע בנינים אויף די סטאַדאָלע מיט דער נייער תבואה זענען אַוועק מיט'ן פייער. ערשט פאַרטאָגס איז די שרפה איינגעלאָשען געוואָרען. דער שאָדען בעטרעפט 8.800 זל.

איבערגעטראָגען דער אויספאָרשונגס־אַמט פון דער וואָיעוואָדזשטווא־פּאָליציי

(§) נעכטען איז איבערגעטראָגען געוואָרען דער אויספאָרשונגס־אַמט פון דער וואָיעוואָדזשער פּאָליציי־קאָמענדע פון דער אַנדזשעיאָווא גאַס אויף קילינסקי 152 אין בנין פון דער לאָדזשער פּאָליציי־קאָמענדע.

אַ גאַנץ שטעטעל בויט אויס דער מאַגיסטראַט אין קאָנסטאַנטינער וועלדעל

8000 נפשות וועלען געפינען אַ דאַך איבער'ן קאָפּ.

(ג) אין פּרעסע־ביוראָ. „לאָדזשער טאָגעבלאַט" האָבען מיר געשריבען וועגען דער פּרעסע־קאָנפערענץ אין דער בוי־אָפּטהיילונג פון מאַגיסטראַט בנוגע די אינוועסטיציע־פּלענער און די אַרבייטען פון דער הונגער זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין דער ריכטונג פון פונאַנדערבויען די שטאָט און רעגולירען אַלע ענינים, וואָס זענען פאַרבונדען מיט דער פאַרברייטערונג פון לאָדז.

היינט ווילען מיר איבערגעבען די בעאָבאַכטונגען, וואָס אונזער מיטאַרבייטער האָט געמאַכט אויפ'ן קאָנסטאַנטינער שאָסעע, וואו עס ווערט אויסגעבויט די קאָלאָניע פון אַרבייטער־הייזער מיט וועלכע אונזער שטאָט וועט באמת קענען שטאָלצירען.

צום ריי־יעהריגען בוי פון 4 קאָמפּלעקסען הייזער (אויסגעפירט דורך די בוי־פירמע מילער און „קאָטעבע") איז נויטיג 100 מיליאָן קילאָגראַם בוי־מאַטעריאַל; צום בוי פון דער קאָלאָניע וועט פאַרברויכט ווערען 5,600,000,000 ציגעל. דערווייל האָט די שטאָטישע מעכאַנישע ציגעלניע שוין געליפערט 23 מיליאָן ציגעל.

די הייזער וועלען האַלטען סך־הכל צו דריי שטאָק הויך. עס איז פאָרגעזעהן צימערן אין אַ צאָהל פון 1600. 15 פּראָצענט פון אַלע דירות וועט זיין צו אַ שטוב מיט אַ קיך, די איבריגע צו צוויי שטובען מיט אַ קיך, דערביי אָבער וועלען אַלע דירות זיין פאַרזעהן מיט אַלע בעקוועמליכקייטען ווי גאַז־קיכען, קלאָזעטען, באָד־צימערן, עלעקטרישע בעלייכטונג א. אַז. וו. אויך וועלען זיין אַלגעמיינע וועשעריען, טרוקען־שטובען, קאָאָפּעראַטיוון, קאָנדיטאָרייען, שפּיל־קלובען, פאַרזאַמלונגס־זאַלען, לאָזט האַלמען ודומות.

גלייכצייטיג מיט'ן בוי פון דער קאָלאָניע, ווערט אויך דורכגעפיהרט די קאַנאַליזאַציע פון אַלע הייזער.

די קאָמפּלעקסען הייזער פון דער אַרבייטער־קאָלאָניע וועלען לויט'ן פּלאַן אויך געשטעלט ווערען, אַז פון איין הויז ביז צום אַנדערן וועט זיין אַ גרויסער לויזדיגער שטח פאַרפלאַנצט מיט בוימער, בלומען־בייטען, שפּאַציר־אַלעען.

עס איז געוואָרנט געוואָרען דערפאַר, אַז אַלע וואוינונגען זאָלען האָבען גענוג ליכט און זון־שיין, ווייל די פענסטער וועלען אַרויסגעהן צו מזרח און מערב־זייט.

כדי צו פאַרגרינגערן די קאָמוניקאַציע צו דער אַרבייטער־קאָלאָניע איז, אין הסכם מיט'ן פּלאַן צו רעאַליזירען די שטאָט, אונטערגענומען געוואָרען צושניידען אַן אַלעע „אוניאַ" און פאַרלענגערן די סרעבזשינסקאַ גאַס. אחוץ וועט געפיהרט ווערען די טראַמוואַי־ליניע, און צו דער בעסטער בעקוועמליכקייט פון די איינוואוינער וועט געמאַכט ווערען משכנות פון דער קאָלאָניע אַ גרויסער פאָלקס־פּאַרק.

צוליב דער קאָלאָניע וועט אַריבערגעטראָגען ווערען אויף אַן אַנדער אָרט דער גאַז־רעזערוואואַר פון דער שטאָטישער גאַזאָווניע, וואָס געפינט זיך נאָהענט פון דער קאָלאָניע.

געבענדיג געוויסע ידיעות וועגען דעם בוי פון דער קאָלאָניע, שפּרעכען מיר, אַ גרופּע זשורנאַליסטען און דער בעגלייטונג פון לאַווניק אָזידעבסקי, אַרכיטעקט לוסאַווסקי, אינזש. שערעשעווסקי און זיינע געהילפען, ח' מילער און די פאַרשטעהער פון דער פירמע „קאָטעבע". — אונזער גרופּע, פאַרצוויימונגען, געלעגטע פונדאַמענטען, מען ווייזט אונז, אַז דער באָדען, אויף וועלכע די הייזער ווערען געבויט, איז אומעטום אַ גוטער. נאָר אויף אַן אָרט קומט אַן וואַסער, ווערט דאָס אויסגעפּומפּט, פאַרלעגט שטאָלענע ברוקען און אויף דעם אָרויף „בעטאָן־בענק". אויף דעם אַלעם ווערט צעמענטירט דער פונדאַמענט.

— דאָס וועלען אַלץ זיין הייזער מיט קליינע דירות — זאָגט לאַווניק אָזידעבסקי און בעשיידענהייט — צו צוויי שטובען מיט אַ קיך, שפּייז־קאַמער, באָד א. אַז. וו. אויסגערעכענט אויף 5 פּערזאָן און יעדען צימער וועלען מיר דאָ בעזעצען 8000 מענשען. אַלזאָ, נישט קיין קאָלאָניע ווערט דאָ געבויט, נאָר אַ גאַנץ שטעטעל מיט אַלע בעקוועמליכקייטען, וואָס זענען נאָר נויטיג צו אַ ישוב.

ביז'ן 15 דעצעמבער 1928, ד. ה. אין 4 חדשים אַרום וועלען, אין זין פון דעם אָפּמאַך צווישען מאַגיסטראַט און די בוי־אונטערנעמער וועלן די 4 קאָמפּלעקסען הייזער מוזען שטעהן פאַרטיג און רוהיגען צושטאַנד. אין פאַרזאַלונג 1929 וועט 66 פּראָצענט פון דער גאַנצער פאַרטראַכטער קאָלאָניע זיין פאָלשטענדיג אויסגערוסט צום פאַרנוצונג. ערשט דעמאָלס וועט פאָרקומען די פייערליכע גרונד־שטיין לעגונג, צו וועלכער עס וועט געוויס קומען קיין לאָדז דער מלוכה־פּרעזידענט. דערנאָך וועלען אויפגעבויט ווערען די צוויי ווייטערע קאָמפּלעקסען הייזער.

ווער עס וועט קאָנען בעקומען דירות אין דער קאָלאָניע? דער מאַגיסטראַט אַרבייט אויס ספּעציעלע פאָרשריפטען וועגען דעם. עס איז אָבער שוין פאַרגעזעהן, אַז פאַרצוג וועלען האָבען אַלע די, וואָס וואוינען אצטיגע וואוינונגען אַנטשפּרעכען נישט די סאַניטאַר־היגיענישע כללים אָדער אַזעלכע, וואָס וואוינען אין נאַסע, פינסטערע קעלערס, בוידעמס א. אַז. וו. דאָס דירה־געלד וועט בעטרעפען נישט מעהר ווי 1/6 טהיל פון דעם פאַרדינסט פון אַן אַרבייטער.

די לאָדזשער שטאָט־פאַרוואַלטונג איז אפילו גרייט אין די ערשטע יאָהרען, וואָס די קאָלאָניע וועט עקזיסטירען האָבען אַ דעפיציט, כדי די אויסצאָהלונג פון דעם חוב, וואָס די שטאָט האָט גענומען אויף זיך צוליב'ן בוי פון די הייזער, זאָל נישט צופיל בעלעסטיגען די איינוואוינער פון דער קאָלאָניע. דער מאַגיסטראַט וועט זיך בעמיהען דעם חוב פון די הייזער צוצולעגען אויף 45—50 יאָהר, בעת די באַנק פאַר פאָלקס־ווירטשאַפט גיט נאָר קרעדיט אויף 25 יאָהר.

קורץ, עס איז אַ ריזיגער פּלאַן, געוואַגטע שריט, וואָס עס מאַכט דער לאָדזשער מאַגיסטראַט, וועמענס לייסטונגען עס מוזען אויפגענומען ווערען דורך דער הונגער עפענטליכקייט מיט אַנערקענונג.

* * *

נאָכ'ן אויספלוג אין דער אויפבויענדער אַרבייטער־קאָלאָניע, איז פאַר די זשורנאַליסטען געגעבען געוואָרען אין „גראַנד" רעסטאָראַן אַ פייערליכער פרוהשטיק.

עקספּאָזע פון ראַטמ. ס. הינדעס,

(ענדע פון זייט 3).

פאַרשטאַרקט געוואָרען און די אָפּאָזיציע האָט בעקומען אַ נעהעריגע לעקציע.

שלום־וואָרמ.

דער קאַמף וועט אָבער דויערן. די אָפּאָזיציע אין בפרט די „געשוואָוירטע אָפּאָזיציע", ד. ה. די „ראַדיקאַלען" וועלען אוחם פאַרטייטערען. זיי, די „ראַדיקאַלען" האָבען נישט קיין פּאָזיטיווען פּראָגראַם. זיי האָבען אָבער אַ ריזיגע קאַמפּף־לוסט.

מיר ערוואַרטען פון דער יודישער עפענטליכער מיינונג, אַז זי וועט אונז אונטערשטיצען. מיר ווילען פיהרען אַ שטאָט־האַלטענדע יודישע פּאָליטיק און מיר האָפען מיט זיכערקייט, אַז די ברייטע ציונ. און נאַציאָנאַלע יודישע מאַסען וועלען ווייטער גהען מיט אונז.

נישט נאָר אַלס מעדיצין נאָר אויך אַלס פּרעזערוואַטיוו־מיטעל דאַרף מען אנערקענען Sól do nóg Jana

גרעסטען מעגליך אין דער בריה, וואַקענדיג די פיס אין וואַרים וואַסער מיט דער צוגעבען פון 1 לעפעלע

Sól do nóg Jana

אָריגינאַל נאָר מיט דער שוץ־מאַרקע „Słoń"

איבעראַל צו בעקומען.

פון די פּראָפעסיאָנעלע „אָרט"־קורסען אין לאָדז.

דערמיט ווערט בעקאַנט געמאַכט, אַז עס ווערען אָנגענומען איינשרייבונגען אויף פאָלגענדע פאַכען:

פאַר פרויען און מיידליך:

1. וועש־נייען, וועש־צושניידען און מאָדעלירען, 2. האַנט־שטיקערייע, ווייס און קאָלירט, 3. מאַשין־האַפט אַלע מאָדערנע טעכניקען, 4. אָנדולאַציע און פריזער־אַרבעט, 5. מאַניקיר, 6. הענטשקע־אַרבעט אויף שליטען־מאַשינען, 7. פולער קורס פון הילפס־אַרבעט ביי מעכאַנישער וועבעריי: מעכאַנישע שפּולן, מעכאַנישע שלייף־שפּולן, ענדרייען און רייבען, 8. קראַמפּ־שפּולען צו זאַקען און פוליווערס, 9. שטאָפּערייע.

פאַר מענער און פרויען:

10. סוועטער־שטריקעריי, 11. קראָמפּ־וועבעריי אויף ענגלישע, קאַרט און זייד־שפּולן, 12. קראַמפּ־זאַקען אויף זיבען פאַרשידענע רונד־זאַקען־מאַשינען און רעגולאַר מאַשין.

פאַר מענער:

13. צושניידער־קורס פאַר מענער־שניידער, 14. צושניידער־קורס פאַר דאַמען־שניידער, 15. קראַמפּ־זאַקען אויף קאָטאָן־מאַשינען, 16. אַ דערגענצונגסקורס פאַר סוועטער־שטריקער צו לערנען אויף זשאַקאַרד און אַ. ד.

ווען איהר געהט אַריבער די גאַס,

קוקט מיט עפענע אויגען: איהר קענט בלייבען אַן אַמיגער קאַליקע, אָדער גאָר געפינען דעם טויט!

היט זיך, מען זאָל אייך נישט איבערפאָהרען!

שטיצע פאַר גייסטיגע אַרבייטסלאָזע

(§) נעכטען האָט דער אַרבייטסלאָזער פאָנד בעקומען פון אַרבייטס־מיניסטעריום 35 טויזענד זל. אויף אויסצאָהלען שטיצע די גייסטיגע אַרבייטסלאָזע פאַר'ן חודש אויגוסט. די אויסצאָהלונג וועט פאָרקומען דעם 24. ד. ח.

די קראַנקען־קאַסע וועט אויסצאָהלען שטיצע די גייסטיגע אַרבייטסלאָזע.

(§) ווי מיר דערוויסען זיך, פון אַ זייטיגער קוועלע זענען פאַרענדיגט געוואָרען די אונטערהאַנדלונגען צווישען דעם פאַרזיכערונגס־אַנשטאַלט און דער קראַנקען־קאַסע, וועגען דעם אַז די לעצטע זאָל די גייסטיגע אַרבייטסלאָזע אויסצאָהלען שטיצע.

געפונען אַ הרוג נעבען ראַגאָוו

(§) אויף דער באַהן־ליניע קאַלישעק — ראַגאָוו האָט מען נעכטען געפונען אַ טויטען קערפּער פון אַן אומבעקאַנטען מאַנספּערזאָן. ביים נע'הרג'עטען האָט מען קיין שום דאָקומענטען נישט געפונען. דער קערפּער איז פאַרזיכערט געוואָרען ביז צום אָנקומען פון דער געריכטליך־מעדיצינישער מאַכט.

אַז דאָס שוסטעריי געהט נישט איז ווייבעריי אויך אַנ'עניך

די ערשטע גע'ג'ט, די צווייטע געשטאָרבען, די דריטע אויסגעוואָרפען און קליינט זיך חתונה צו האָבען צום דריטען מאָל.

(פון די ראַבינאַט־מעשה'לעך)

(ג) פרוי זיסעל זילבער (נאַוואָ־זגערסקאַ 7) האָט געהאַט דאָס טרויעריגע גליק צו קריגען אַ מאַן — שוין איינמאַל אַ מאַן, פון וועלכען זי האָט צו זינגען און צו זאָגען. צוליב אוחם איז זי, הגם נאָך געווען יונג, שוין צובראָכען און פאַרצווייפעלט. זי שטעהט אוצט פאַר אונז און גיסענדיג מיט הייסע טרעהרען דערצעהלט זי די געשיכטע פון איהר טראַגעדיע.

ווען זי האָט מיט 8 יאָהר צוריק חתונה געהאַט מיט שמעון גרינבוים, אַ נעגריוועטער שוסטער פון זחולין, האָט זי נישט געוואוסט וואָס פאַר אַ צוהרונג ראָט אויז. אין אַ צייט אַרום האָט זי זיך דערוואוסט, אַז דער „אוצר" האָט מיט עטליכע יאָהר צופריהער געוואוינט מיט זיינע אַ קרובה, רחל פון זחולין, 2 חדשים און זי פאַרלאָזען. איהר איז קוים געלונגען פון אים זיך צו באַפרייען דורך אַ גט. אָבער וואָס עלטער זי איז געוואָרען, אַלץ מעהר האָט זיך פאַר איהר ענטפּלעקט איהר מאַן מיט זיין אמת'ן פּרצוף. זי האָט זיך ווידער דערוואוסט, אַז ביי איהר שמעון איז זי שוין די דריטע פרוי. די צווייטע פרוי, פייגע, וועלכע האָט אוחם געבוירען אַ קינד, האָט ער געטוטשעט 3 יאָהר. זי איז אַריינגעפאַלען אין טובּערקולאָז און איז געשטאָרבען. דאָס קינד איז לא עלינו, אויך פרוהצייטיג פאַרשטאָרבען געוואָרען פון דער וועלט.

אָבער אויך איהר, זיסעל זילבער'ן האָט נישט געהאָלפען קיין צרות ביי גרינבוים'ען. פון אָנהויב אָן האָט זי זיך געפּייניגט ביי אוחם, אָבער זי האָט געהאָפט, אַז ער וועט בעסער ווערען, ער וועט זיך „זעצען". ער האָט פאַרדינט אַ סך געלד, און אין שטוב האָט מען זיך געקוועלט. וואו ער האָט אַהינגעטון די גרויסע געלדער וואָס ער האָט פאַרדינט? אויף דעם דאַרפט איהר נישט פרעגען קיין שאלות... „יעדעס טעפעל געפינט זיך זיין שטערצעל" — זאָגט די וועלט. דערפאַר האָט ס'ווייב זיסעל ביי אוחם געהאַט אָבגעשניטענע יאָהרען ביז ער האָט זיך גענומען אַרומפיהרען מיט אַ מויד. נישט קיין אויבערקלייבערין. די לעצטע איז אוצט שוואַנגער געוואָרען פון אוחם. זי „האַלט אוחם אוצט ביים קאָפּ" און פיהרט אוחם בנחאלד צו דער חופּה.

די פרוי זיסעל זילבער קען זיך אויף איהר בראָד; זי ווייס, אַז דאָס אונגליק איהר איז אונפאַרמיידליך — ער וועט זי אינגאַנצען פאַרלאָזען. שוין אַ יאָהר צייט קומט ער נישט אַהיים, זי מוז געהן דינגען צו מענשען און איהר מאַן קליינט זיך חתונה האָבען.

מיט אַ צובראָכען האַרץ איז די פרוי געלמען געקומען צום באַלוסטער רב בעטען, ער זאָל מפורסם מאַכען צווישען אַלע מורה־הוראה'ס און דיינים, אַז זיי זאָלען שמעון גרינבוים'ען נישט געבען קיין חופּה־וקידושין.

—0—

בעריכטיגונג.

(—) אין שייכות מיט דעם פּראָצעס אין „קשיוא דראָגע" ביי וואַרשוים, וועגען וואָס מיר האָבען געמעלדען אין דאָנערשטאָג'דיגען נומער פון אונזער צייטונג דערוויסען מיר זיך, אַז די געגעבענע פאַקטען וועגען דער פאַמיליע משעשעניעווסקי שפּיגלען נישט מיט דער ווירקליכקייט. דער סטודענט ה' משעשעניעווסקי האָט בלויז אינטערווענירט אין דעם פאַל, כדי צו פאַרטיידיגען זיין מוטער, וועלכע עס האָט געוואָלט שלאָגען דער דויז־חירט. וועגען „העלפען פאַרגיסען יודיש בלוט" קען נאַטירליך קיין רייד נישט זיין.

דער יום־טוב פון דער ווייַמאַרער קאָנסטיטוציע אין דייטשלאַנד

די פייערליכע זיצונג אין רייכסטאַג.

(אַ בריף פון בערלין, ספּעציעל פאַר'ן „לאָדזשער טאָגעבלאַט") — פון א. בירענצווייג.

די דייטשע רעפּובליק האָט דעם 11 אויגוסט געפייערט דעם יום־טוב פון דער ווייַמאַרער קאָנסטיטוציע. גאַנץ דייטשלאַנד האָט זיך זייט איינינגע וואָכען געגרייט צום דאָזיגען יום־טוב, וועלכער איז טאַקי אויסגעפאַלען זעהר אימפּאָזאַנט. יאָהרעלאַנג האָט שוין בערלין נישט אויסגעזעהן אַזוי יום־טוב'דיג, אַזוי פייערליך ווי נעכטען.

באַלד אין דער פריה האָבען זיך אין די פאַרשידענע שטאָט־טיילען געהערט די מענער פון די אָרקעסטערס, וועלכע האָבען געוועקט די איינוואוינער און אָנגעזאָגט דעם יום־טוב פון דער קאָנסטיטוציע, דעם יום־טוב פון דער דייטשער רעפּובליק. די הייזער זענען געווען בעהאָנגען מיט די רעפּובליקאַנישע פאָהנען, שוואַרץ, רויט און געלב האָט געפלאַטערט פון אַלע באַלקאָנען, שויפענסטער און געביידעס. פון אַלע שטובען האָבען זיך אַרויסגעלאָזען אין די בעפּוצטע גאַסען די בערלינער איינוואוינער אָנגעטון אין די שענסטע בגדים, וואָס זיי פאַרמאָגען. די טאַליגע רעזידענץ פון די האָהענצאָלערן'ס האָט בעוויזען, אַז זי האָט זיך שוין לחלוטין בעפרייט פון מאָנאַרכיזם און זי איז שטאָל און איינזען פאַר דער רעפּובליק. דאָס איז געווען די שטאַרקסטע דעמאָנסטראַציע פאַר דער דייטשער רעפּובליק זייט זי איז פּראָקלאַמירט געוואָרען און זייער.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז גאַנץ אַנדערש וואָלט אויסגעזעהן די דאָזיגע פייערונג ווען דער רעזולטאַט פון די רייכסטאַג־וואַהלען וואָלט נישט געבראַכט אַזאַ שטאַרקען נצחון די רעפּובליקאַנישע פּאַרטייען און הויפּטזעכליך די סאָציאַליסטען.

די דייטשע רעפּובליק איז נאָך יונג און מעהר ווי אין אַ וועלכען עס איז אַנדער לאַנד, זענען פאַראַן מיליאָנען בירגער, וועלכע האָבען זיך נישט צוגעפּאַסט צו דער נייער מלוכה־פאָרם, וועלכע בעטראַכטען זי פאַר אַ פאַראיבערגעהענדע ערשיינונג און זיי גלויבען נאָך גאַנץ ערנסט, אַז דייטשלאַנד זאָל צוריק בעקומען אַ מאָנאַרך. האָבען דאָך די מאָנאַרכיסטען אַדורכגעפיהרט הינדענבורג'ן אַלס מלוכה־פּרעזידענט געגען די רעפּובליקאַנער, וועלכע האָבען זיך געהאַט אַלע פאַראייניגט און אַרויסגעשטעלט געמיינזאַם אַ געגנער־קאַנדידאַט, מאַרקס'ן. די דייטש־נאַציאָנאַלע, וועלכע זענען בעטראַכט געוואָרען ביי די וואַהלען פאַר די שטאַרקסטע פּאַרטיי אין דייטשלאַנד זענען אָפענע געגנער פון דער רעפּובליק, שוין נישט רעדענדיג פון די היטלעריסטען.

דער קאַמף וועגען דער פאַרב פון דער דייטשער פאָהן, שוואַרץ, ווייס־רויט, צי שוואַרץ, רויט געלב איז נאָך ווייט נישט פאַרענדיגט, הגם דער געכטיגער טאַג האָט בלי ספק איבערגעוואוינען די וואָג שאַל אויף די פאַרבען פון דער רעפּובליק. די רעפּובליקאַנישע פּאַרטייען און דאָס זענען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, דעמאָקראַטען, דער צענטרום או. אַ טהייל אויך פון די פאָלקס־פּאַרטיי ווייסען גאַנץ גוט, אַז דאָס איינפיהרען ביי די מאַסען די ליבע צו דער רעפּובליק איז אַ לאַנג דויערנדער פּראָצעס, אַלענפאַלס קען עס נישט געשעהן אין איין נאַכט. זיי ווענדען דעריבער אָן אַלע מיטלען און געלעגענהייטען כדי צוצוגעוואוינען דאָס פאָלק צו דער נייער מלוכה־פאָרם און אַרויסרייסען ביי זיי פון האַרצען די לעצטע פונקען פון סימפּאַטיע און פאַרעהרונג פאַר'ן קייזער, וועלכע גליען נאָך אין האַרצען פון מיליאָנען. די בעסטע געלעגענהייט דערצו איז טאַקי דער 11 אויגוסט, דער טאָג ווען ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרען די ווייַמאַרער קאָנסטיטוציע.

באַלד ווי ס'איז געבילדעט געוואָרען די אויצטיגע קאָאַליציע־רעגירונג האָט מען אין די סאָציאַליסטישע און אויך אין די דעמאָקראַטישע קרייזען גערעדט דערפון, אַז די ערשטע אַרבייט פון נייעם קאַבינעט וועט זיין צו פּראָקלאַמירען דעם 11. אויגוסט אַלס נאַציאָנאַלען יום־טוב. די פראַגע איז טאַקי בעהאַנדעלט געוואָרען דורכ'ן קאַבינעט און מ'האָט זי אַריינגעטראָגען אַלס פאָרשלאַג אין רייכסטאַג. דער אויצטיגער רייכסטאַג, הגם אפילו לינקערער ווי דער פריהערדיגער, האָט אָבער נישט געהאַט קיין מעהרהייט, וועלכע זאָל תיכף ומיד מסכים זיין אויף אַזאַ פאָרשלאַג. מ'האָט דעריבער איבערגעשיקט דעם ענין אין דער קאָמיסיע. די אָנהענגער פון דער ווייַמאַרער קאָנסטיטוציע האָבען אָבער אָהן דעם אָפיציעלען בעשלוס פון רייכסטאַג בעוויזען, אַז ס'דייטשע פאָלק האַלט דעם 11 אויגוסט פאַר איהר יום־טוב.

אין רייכסטאַג איז פאָרגעקומען אַ פייערליכע זיצונג, אין וועלכער עס האָט זיך בעטייליגט דער גאַנצער קאַבינעט און דער מלוכה־פּרעזידענט הינדענבורג. דער געוועזענער יוסטיץ־מיניסטער ראַדבּרוך האָט געהאַלטען אַ גרויסע רעדע וועגען דער בעדייטונג פון דער ווייַמאַרער קאָנסטיטוציע, וועלכע „האָט ערשט בעשאַפען דייטשלאַנד". פאַרשטעהט זיך, אַז ס'האָט דערביי דערמאָנט דעם מחבר פון דער קאָנסטיטוציע, דעם יוד הוגאָ פּרויס, וועלכער ראַטענוי איז אויך דערמאָנט געוואָרען און אַ דריטער יוד, דער דעמאָקראַט לודוויג פראַנק, וועלכער איז געפאַלען ביים אָנהויב פון מלחמה־אויסברוך, איז צוזאַמען מיט די ערשטע צוויי בעעהרט געוואָרען מיט אויפשטעהן פון די ערשינער. נאָך ראַדבּרוך'ס רעפּובליקאַנישע רעדע האָט גערעדט דער רייכסקאַנצלער מאַרקס, וועלכער האָט מיט אַ בעזונדערע וואַרימקייט אָנגעוויזען אויף דער ראָל פון דער ווייַמאַרער קאָנסטיטוציע אין לעבען פון דייטשען פאָלק. דער אָרקעסטער [illegible] אַ גרויסער כאָר האָט געזונגען דעם [illegible] און די פייערליכע זיצונג איז געשלאָסען געוואָרען. פאַר דער געביידע פון רייכסטאַג האָבען זיך געהאַט פאַרזאַמעלט צעהנדליגער טויזענדער יום־טוב'דיג געשמיקטע בירגער, וואָס האָבען געזונגען פאַרשידענע לידער און אויפגענומען דעם מלוכה־פּרעזידענט מיט יובעל־אויסגעשרייען. אַ גאַנצען טאָג האָט בערלין גע'יום־טוב'ט, געזונגען און געטאַנצט ביז ער. ס'האָט אָבער זיך צוגעקוקט אַביסעל גענויער, האָט געזעהן ווי פילע מיזנגנדער, טויזענדער דייטשען, וואָס האָבען אָנגעפולט די גאַסען, זענען נאָר געשטאַנען ווי געוועהנליכע צושויער און ווי דער יום־טוב וואָלט זיי בכלל נישט אָנגעגאַנגען. אַ סך, דאָס זענען שוין געווען אָפיציעלע געגנער, האָבען געוואָרפען פאַרשידענע וויצען און בעליידיגונגען אויפ'ן חשבון פון דער פייערונג. די רעכטע פּרעסע איז אַרויס אין דעם טאָג מיט פאַרשידענע אַרטיקלען וועגען דעם יום־טוב. נישט קוקענדיג אָבער דערויף איז זיכער, אַז די דעמאָנסטראַציעס פון די צעהנדליגער טויזענדער רעפּובליקאַנער, די פאַרשידענע פייערליכקייטען האָבען געהאַט אַ געוואַלדיגע השפּעה אויף די צושויער און איבער אַ יאָהר וועלען פיל פון זיי שוין אַליין מיטפייערן. אָבער נישט נאָר אין בערלין, פון גאַנץ פּרייסען, זאַקסען, טיורינגען אויך פון בייערען און פון אַלע לאַנד־טיילען זענען אָנגעקומען ידיעות, אַז דער יום־טוב פון דער קאָנסטיטוציע איז אַדורך היי־יאָהר בעזונדערס אימפּאָזאַנט. דאָס איז זיכער אַ מאָראַלישער נצחון פון דער אויצטיגער רעגירונג, אויב נישט נאָך מעהר.

בערלין, 12 אויגוסט.

פערוואלטונגס-מיטגליד בע'גנב'עט א פעראיין

דער קאסירער פון פערבאנד פון די ארבייטער אין די עפענטליכע אינסטיטוציעס צוגענומען 5000 זל. און אנטלאפען.

פאליציי האט נאך איהם פונאנדערגעשיקט שטעק-בריוו.

(§) עהערנעכטען און אזעלכער אזוי און לאקאל פון פערבאנד פון די ארבייטער אין די עפענטליכע אינסטיטוציעס אויף פארלעשנא 26 אפגעהאלטען געווארען א פערזאמלונג פון פאבריקס-דעלעגאטען, וואס האט זיך פערצויגען ביז 10 אזייגער ארום 12 האט דער פארזיצענדער פון פערבאנד ה' קלומטשאק זייענדיג אין שטאט זיך דערמאנט, אז ער האט אין לאקאל פון פערבאנד פערגעסען איניגע דאקומענטען, וואס ער וועט אין דער פריה דארפען האבען. ער האט דעריבער געבעטען א פערוואלטונגס-מיטגליד, וועלכער האט זיך געפונען נעבען איהם, אז ער זאל איהם די דאזיגע דאקומענטען ברענגען.

דער דאזיגער פערוואלטונגס-מיטגליד, וואס האט פון ה' קלומטשאק בעקומען דעם שליסעל פון פערבאנד-לאקאל, איז אוועק אויפ'ן אנגעוויזענעם ארט. אהינקומענדיג האט ער בעמערקט דורך די שפארעס פון די איינגאנגס-טירען, אז אין לאקאל איז ליכטיג, וואס עס האט איהם אויסגעזעהן זעהר פערדעכטיג. ער האט דעריבער גערופען דעם סטרוזש פון הויז און צוזאמען האבען זיי אנגעקלאפט אין טיר. דאן איז אונטערגאנג דאס ליכט פערלאשען געווארען.

דאן זיינען בעידע אוועק אין הויף און דא האבען זיי דערזעהן עפעס א פערשוין וואס איז שנעל ארויף אויף די טרעפען. זייענדיג זיכער, אז ער וועט נישט קענען ארויס, ווייל דאס טויער איז געשלאסען, זיינען זיי אריין אין לאקאל פון פערבאנד א קוק טוהן, זיי האבען אבער נאר קיין פערדעכטיגעס נישט געזעהן.

זיי זיינען דאן ארויף אויף די טרעפען זיך אונטערצוזוכען, ווער ס'קען זיין דער געהיימניספולער פארשוין. זיי האבען איהם אנגעטראפען אויפ'ן פערטען שטאק און עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דאס איז דער פערוואלטונגס-מיטגליד און קאסיר פון פערבאנד וולאדיסלאוו יאקובאווסקי. נאכגעפרעגט, וואס ער טוט אזוי שפעט בא-נאכט אויף די טרעפען, האט דער לעצטער ערקלערט, אז ער גייט צו זיינע בעקאנטע, וואס וואוינען דא אין הויז און דערבעי אנגעגעבען זייערע נעמען.

צומארגענס איז דער פריה בעת דער סעקרעטאר פון פערבאנד איז געקומען אין לאקאל האט ער דערזעהן, אז אלע שופלעדער זיינען אויפגעריסען און עס פעהלט 1.000 זל. אין דער קאסע. עס איז גלייך וועגען דעם מיטגעטיילט געווארען דעם פארזיצענדען ה' קלומטשאק, וואס איז אוועק אויפזוכען יאקובאווסקי'ן אויף די שטאטישע פלאנטאציעס, וואו ער איז בעשעפטיגט, האלטענדיג, אז זיין שפעטער נאכט-וויזיט אין הויז האט א שייכות צו דער גנבה.

יאקובאווסקי איז אבער צו דער ארבייט דעם טאג נישט געקומען. וועגען איהם איז נאך א פערוואלטונגס-זיצונג געמאלדען געווארען דעם אויספארשונגס-אמט, וואס האט נאך יאקובאווסקי'ן פונאנדערגעשיקט שטעק-בריוו. ווי עס ווייזט זיך ארויס האט יאקובאווסקי צוגענומען נישט וויזענדיג נאר גאנצע 5000 זל.. וואס ער האט געהאט פון מיטגלידער, מוזן צוועק צו בויען א אייגענעם היים פאר'ן פערבאנד.

שטרייק אין דער „ווידזעווער מאנופאקטור"

1000 שפינערייארבייטער האבען געווארפען די ארבייט.

(ק) פרייטאג האבען פערשטרייקט די ארבייטער, וואס זיינען בעשעפטיגט אין דער אמעריקאנישער שפינערייי אין דער „ווידזעווער מאנופאקטור". דער שטרייק איז אויסגעבראכען אויפ'ן עקאנאמישען באדען. די ארבייטער האבען ארויסגעשטעלט א פאדערונג וועגען חעכערען די שכירות פאר דער צייט, וואס זיי זיינען געצוואונגען נישט צו ארבייטען, נישט צוליב זייער שולד.

היות די דירעקציע האט אויף די ארויסגעשטעלטע פאדערונגען קיין תשובה נישט געגעבען, האבען די שפינערייארבייטער אפגעהאלטען א אלגעמיינע פערזאמלונג, אויף וועלכער עס איז נאך א לענגערער דיסקוסיע בעשלאסען געווארען צו ערקלערען א שטרייק.

דער שטרייק נעמט ארום ביז 1000 ארבייטער. שבת און דער פריה האט זיך קיינער פון די שפינער צו דער ארבייט נישט געשטעלט. דער פערלויף פון שטרייק איז א רוהיגער.

געכאפט א באנדיט איז אלעקסאנדער.

(§) נעכטען איז אין אלעקסאנדער ארעסטירט געווארען דער זינט א לאנגער צייט געזוכטער דורך דער פאליציי 28-יעהריגער קאזימיערזש פענד, א איינוואוינער פון זדונסקא וואליא, וואס האט בע'גנב'עט דעם יוד יואל מאשקאוויטש אין ווארשא.

בעי פענדען האט מען געפונען דאס גע'גנב'עטע געלד און א מעסער מיט א רעוואלווער, א געשמוגלטער און קוימען איז ער אפגעפיהרט געווארען אין תפיסה אויף קאפערניק גאס.

„לונא" ווערט גרינדליך רעמאנטירט

אין „לונא" ווערט דורכגעפיהרט א גרונדליכער רעמאנט און צום אנהויב פון נייעם סעזאן, וועלכען די בעזיצער פון דאזיגען טעאטער האבען די אָנגע-נעהמע איבערראשונג צו זעהן דעם „לונא" איינגעאָרדענט לויט'ן מוסטער פון די גרעסטע אייראפעאישע קינא-טעאטערן. די דירעקציע איז געלונגען צו בעקומען א רייהע פון די בעסטע אמע-ריקאנישע, דייטשע, פראנצויזישע און אומאליעניש פילמען, וואס די בעזי-צער פון „לונא" וועט זיכער פערשאפען גרויס פערגעניגען.

איינשפריצונגען געגען בויך-טיפוס.

(מ) אין שייכות מיט דער פערמע-רונג פון ערקראנקונגען אויף בויך-טיפוס וואס איז א נאטירליכע ערשיינונג אין דער צייט פון יאהר, האט די געזונד-היימס-אפטיילונג בעים מאגיסטראט בעאָרדענט צו מאכען איינשפריצונגען אלע לאקאטארען פון די חבורה, וואס עס וועלען פאסירען פאלען פון ערקראנקונ-גען אויף בויך-טיפוס. לעת עתה זיינען דורכגעפיהרט געווארען איינשפריצונגען בעי די לאקאטארען פון 15 הייזער.

נאכט-דיזשורנע אין די אפטייקען.

היינט דיזשורירען פאלגענדע אפטייקען: אנטאניעוויטש, פעטריקאווער 50; באַרדזינסקי, פעטריקאווער 164; סאלש-קעוויטש, פושטשאַר 19; ראמפעלטסקי, אנדזשעיא 26; זונדעלעוויטש, פעטרי-קאווער 25; קאספערקעוויטש, זגערושער 54; פראַשקאווסקי, בושטשאצער 56.

גרויסער בעריכטס-מיטינג

איבער די רצונגען פון ציוניסטישען אקציאנס-קאמיטעט.

דעם פערגאַנגענעם דאנערשטאג איז אַנגעאָרדענט געווארען דורך דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און פּועלי-חארמאניע זאל א גרויסער מאסען מיטינג און צוזאמענהאנג מיט די לעצ-טע זיצונגען פון ציוניסטישען אקציאנס קאמיטעט און בערלין.

א לענגערע ערעפענונגס-רעדע האלט דאן ה' משה לומאן.

אונטער רוישענדע אפלאָדיסמענטען פערנעמט די טריבונע דער מיטגליד פון אקציאנס-קאמיטעט ד"ר מ. הינדעס, וועלכער שילדערט דעם גאנג פון די זיצונגען פון גרויסען אקציאנס-קאמיטעט.

אויב מיר זיינען געחען פאר דאס שאַפען א פערברייטערטער יודישער אגענ-צוגם דער רעדנער, איז עס געווען דערפאר, ווייל עס האט אונז געפעהלט אמונה און אייגענע כחות, נאר ווייל מיר האבען תמיד אן געהאלטען, אז ארץ ישראל איז דאס איינענטום פון גאנצען יודישען פאלק און אלע, קומען מיט רייגע כוונות בויען די יודי-שע נאציאנאלע היים מוז מען זיי אויפ-נעמען מיט אפענע ארעמס און מיט בשותפות'דיגע כחות בויען דאס לאנד. וואס געהער דעם גאנצען יודישען פאלק.

איבערגעהענדיג צו דער פראגע פון אמעריקאנער יודישער ארגאנישער ערקלערט דער רעדנער, אז די אמעריקאנער יודען זיינען אויסער די סאציאליסטישע פאר-טייען, ארגאניזירט נאר און 2 קערפער-שאפטען, ד. ה. ציוניסטען און די מאר-שאל-גרופע און עס איז געווען אוממעגליך צוצוזהען צום אויפבוי אלע אר-גאניזירטע טיילען פון יודענטום, וועלכע האבען ריינע כוונות צו העלפען בויען ארץ ישראל.

אלע ציוניסטישע פראקציעס אויף די זיצונג פון אקציאנס-קאמיטעט האבען עס פערשטאנען און אפילו די רעכטע פועלי ציון, וועלכע ווי עס האט זיך לכתחילה אויסגעוויזען, אז זיי זיינען געגען, האבען באלד אין אנהויב עקלערט ליך ערקלערט, אז זיי זענען און פרינ-ציפ פאר דער פערברייטערונג פון דער יודישער אגענץ נאר עס האט זיך נאך געהאנדעלט און עטליכע פונקטען פון עקספערטען בעריכט, וועלכע זיינען צום סוף איננאנצען בעריקזיכטיגט געווארען.

צום סוף איז איינשטימיג אנגענומען געווארען א ענטשפרעכענדע רעזאלוציע.

צוגאב-פאבאר-קאמיסיע

די לאדזשער שטאט-סטאראסטווא מאכט בעקאנט, אז דעם 28 ד. ח. 8.30 פריה וועט אין לאקאל אויף פאמארסקא 18 טעטיג זיין א צוגאב-פאבאר קאמיסיע פאר די יונגעלייט פון די יאהרגענג 1905, 1906 און 1907, וואס האבען פאר'ן 1. אויגוסט 1927 געוואוינט אויפ'ן שטח פון 1. 4. 6. 7. 10. 12. 13 און 14. פאליציי-קאמיסאריאטען, און וועלכע האבען נאך ביז אצינד נישט רעגולירט זייערע מיליטער-ענינים.

מעמאריאל וועגען פערמעגענס-שטייער

פון סוחרים-פעראיין פיעטריקאווער 73.

(:) דער סוחרים-פעראיין פון פעטריקאווער 73 האט צוגעשיקט דעם פינאנץ-מיניסטעריום א מעמאריאל וועגען א רעפארם פון פערמעגענס-שטייער.

אין מעמאריאל ווערט דאס מיניס-

אין מעמאריאל ווערט דאס פינאנץ-מיניסטעריום געבעטען אריינצוגעבען א פעראָרדנונג דער לאדזשער פינאנץ-קאמער, אז די איבערגעצאהלטע סומען אויף דער 2. ראטע פון פערמעגענס-שטייער זאל דער צאהלער פערעכענט ווערען אויף אנדערע שטייערן. מחמת עס קומט אויס, אז די וואס האבען זיך מיט'ן איינצאהלען די 2. ראטע נישט געאיילט, בעקומען הנחות, דאגעגען די, וואס האבען דאס באלד געטון און דערבעי איבערצאהלט די סומע, וואס עס איז פון זיי געקומען, ווערט דער עודף זיי נישט פערעכענט.

פראצעס פון 111 פארמאצעוטען געגען דער קראנקען-קאסע.

דאס געריכט האט זייער אנקלאגע אפגעווארפען.

דאס פרידענס-געריכט פון 5. „עק-רעגל" אין לאדז האט דעם 17. אויגוסט ד. י. בעטראכט 111 פראצעסע, וואס זיינען פערפיהרט געווארען פון די פארמאצעווטען געגען דער קראנקען-קאסע וועגען אויסצאהלען די שכירות פאר יוני 1928.

ווי בעקאנט האט דער שטרייק זיך געענדיגט מיט א אורטייל פון קרייז-פערזיכערונגס-אמט, וועלכער האט די פארמאצעווטען נישט געגעבען קיין רעכט.

נאכדעם ווי עס איז ארויסגעגעבען געווארען דער דאזיגער אורטייל, איז אין ווארשא פארגעקומען א קאנפערענץ מיט אנטייל פון די פארשטעהער פון דער לאדזשער קראנקען-קאסע, דער צענטראלער ארגאניזאציע פון די נחסט גע ארבייטער און פראפ. פערטרעטער פון די פארמאצעווטען, וואס איז צוזאמענגערופען געווארען דורכ'ן קרייז-פערזיכערונגס-אמט אין ווארשא. אויף דער דאזיגער קאנפערענץ איז בעשלאסען געווארען, אז די קראנקען-קאסע וועט בעצאהלען פאר דער צייט פון שטרייק פאר'ן חודש יוני, אויף וויפיל דאס וועט לאזען איהר ערלויבען איהרע פאנדען.

111 פארמאצעווטען האבען מיט א וואך פריהער פאר'ן צונויפשטעלען דעם פראטאקאל פון דער קאנפערענץ איינגעהאלטען די קראנקען-קאסע און געריכט וועגען אויסצאהלען זיי די שכירות פאר יוני.

דער פערטיידיגער מצד דער קראנקען-קאסע אדוו. ניימארק האט אנגעוויזען, אז חוץ די קראנקען-קאסע האט געליטען א גרויסען שאדען דורכ'ן שטרייק האט זי פינאנציעל געליטען אויסצאהלען די פארמאצעווטען די שכירות פאר יוני וואלט אבער די פארמאצעווטען בעקומען מכלל צו מאכען דעם פראצעס, נאר זיי ווילען מען זאל זיי צושפיצען די קאסע, וואס די קראנקען-קאסע געפינט זיך אין א גרויסער קריזיס און א נעגאטיווער אנקלאגע, וועגען צו דעם קאסע, וואס זיי האבען דער קראנקען-קאסע פערוואַרפען. נאכ'ן אויסהערען די צדדים, האט דאס געריכט דעם פראצעס מבטל געמאכט, און די פאדערונג וועגען אויסצאהלען די געריכטס-קאסטען נישט צוגע'פסק'ענט.

וואהלען צו דער קראנקען-קאסע אפגעלעגט אויפ'ן 25. נאוועמבער

(:) ווי מיר דערוויסען זיך, האט דער פערוואלטונג פון דער קראנקען-קאסע בעשלאסען איבערצורוקען דעם טערמין פון די וואהלען צום ראט פון דער קאסע אויפ'ן 25. נאוועמבער. דעסגלייכען איז איבערגערוקט געווארען דער טערמין פון פערעפענטליכען די וואהלען אויפ'ן 27. ר. ח. און וואהל-רעגלען וועלכע קענען האבען די, וואס וועלען און דער טאג פיגורירען אלס מיטגלידער פון דער קראנקען-קאסע.

אין שטורם פון לײדענשאפטען.

שפאנענדער ראמאן, פול שטוינענדע איבערלעבונגען און ליבעס-אוואנטורעס.

(111-טע פארטזעצונג)

— דאס וואס איך נישט געגלויבט, דאן דער יעצטיגער אונטערנעמער איז א שטאלצער און רעכטער מאן און ליבט נישט מיט פרעמדע זיך אונטערצווארפען.

— האט עמאנס געזאגט, ווען איהר הילפט עפעס פון איהם. קענט איהר עס מיר פערטרויען. איך בין, ווי מען זאגט, זיין רעכטע האנט.

— איך בין געקומען וועגען דער פרוי...

— אך, איהר מיינט די טויטע?

— די פרוי איז געשטארבען אזוי פלוצלונג, אז איך וויל זיך דערוויסען די סיבה פון איהר טויט — האט רידער פארטגעזעצט — אויסער דעם וויל איך זי מיטנעמען מיט זיך.

— איהר זענט געקומען צו שפעט. די פרוי איז שוין בעגראבען?

— בעגראבען? און איך האב זי אפילו נישט געזעהן נאך איינמאל?

— עמאנס האט גלייכגילטיג געקוועטשט מיט די פלייצעס.

— וואס געהט עס אונז אן — האט ער געזאגט — דא האט דער פארשטער צו בעפעהלען, אזוי האט ער געטוהן און אזוי האט געמוזט זיין.

— וואו איז זי בעגראבען?

— אין קאהלער.

רידער האט זיך קוים בעהערשט פון אויפרעגונג.

— איך מוז יעדענפאלס וויסען פון וואס די פרוי איז געשטארבען — האט ער געזאגט — איך וועל קריגען א מיטעל ווי עס אויסצופיהרען. איהר מעגט זיך שוין פערלאזען אויף מיר. איך מוז אויך זעהן דעם אונטערנעמער, וועלכער האט זיך א נאמען ניגעבען וועדמאנט.

עמאנס האט געלאכט.

— ער הוסט נישט ווערמאנט — האט ער געענטפערט.

— איהר האט איהם קענטעל נישט געזעהן אין'אוניפארם?

— וואס מאר אין'אוניפארם? צו וואס נוצט איהם אזעלכע קליידער?

— ווען וועט ער זיין צוריק?

— איך ווייס נישט. פיליכט ביינאכט אדער מארגען.

רידער האט געזעהן, אז ער האט פון איהם גארנישט ארויסקריגען און ער איז ארויס פון צימער.

ווען רידער איז ארויס אין דרויסען האט ער געהערט פאהרן א קארעטע, ער איז שנעל אפגעטרעטען אין א זייט, צו זעהן, ווער עס קומט.

די קארעטע האט זיך אפגעשטעלט נעבען הויז און א דאמע אין א שווארצען וואואל איז אויסגעשטיגען.

דאס איז די פרוי, וועלכע האט מיט נארדהיים'ען אין פערבינדונג. יעצט האט זי זיך דערוואוסט, אז הערמאן געפינט זיך דא און איז געקומען דא אהער.

די ענטדעקונג איז פאר רידער'ן געקומען זוי ווינטיג, אז פערגעסענדיג זיך צופרידען גשטעכצלט.

דאן די פרוי איז אהערגעקומען, איז געווען דער געזוכטער מערדער דא.

די קארעטע איז צוריק אוועקגעפאהרען און ווען די פרוי האט גענומען געהן צום הויף, האט רידער געאילט לויפען צו איהר, נאר ער האט זיך אפגעהאלטען.

עס איז בעסער, ער זאל זי לאזען ארבייטען אין הויז און דאן רוהיג אפווארטען, ביז דער נאכער אונגעזעהנער וועט קומען.

יעדענפאלס, רידער איז דא אלטען און קען גארנישט אויספיהרען, ווען ער זאל יעצט ארעסטירען די פרוי אין שוארצען וואואל, דאן וועט דער מערדער, אויב ער איז נארדהיים, אויף אמביג פון דאנען פערשוואונדען.

די פרוי איז ארויף די טרעפ, האט געעפענט די טיר און איז ארויין אין הויז.

— ווען ער וועלט יעצט געפונען שמואל'ן, דעם שוארצען פאליציאנט, האט קראפארד האט ארויסגעשיקט אלס שפיאָן, דאן וואלט ער העלפען אונטער גבושט ביי זיך, וואס זאל איהם בייגעשטאנען אין געפאהר.

עס איז שוין געוועזען טונקעל און רידער האט בענומען ארומבלאנדזשען איבער דער גאנצער געגענד, כדי צו זוכען דעם שווארצען סאמול.

די פרוי אין שווארצען וואואל איז ארויין אין הויז און עמאנס איז נישט איבערראשט געווארען, ווען ער האט זי דערזעהן. ער האט געוואוסט, אז הערמאן שטעהט מיט איהר אין נאהנטע פערבינדונגען און די איז געקומען אהער, כדי זיך צו זעהן מיט איהם.

די געהיימניספולע פרוי האט זיך צו קוואנס'ן נישט געווענדעט, זי איז שטאלץ צוגעגאנגען צום צימער און זיך דאן אוועקגעזעצט.

— איז דער פערטער נישט? — האט זי געפרעגט מיט זוא טאן, וואס האט געקלינגען ווי א קול פון א מאנספערשוין. עמאנס האט געשוויגען, אז די איז חשובער.

דער הירט קען באלד קומען.

די פרוי איז ארויין אין יאגד-צימער און צוגעמאכט די טיר הינטער זיך. עמאנס האט געשמייכעלט.

— דוכאן סקאט וועט זיך פרעהען — האט ער שטיל געזאגט — זי האט א פיגור ווי א קעניגין און איהר גאנג איז זיכער ווי זעהר שעהן.

אין א קורצער צייט ארום האבען זיך דערהערט טריט. עמאנס האט דערקענט, אז דאס איז נארדהיים און איז שנעל ארויס אין פאר-הויז.

אויף די טרעפ האט זיך בעוויזען דער נייער אונטערנעמער און ווען עמאנס האט א בליק געטון מיט דער האנט איז ער געבליבען שטעהן.

— איהר האט געפרעגט דעם נעשטאלניק פון ניו-יארק? — האט עמאנס געפרעגט מיט א פערשטיקט קול.

— נעין, וואס דען? — האט נארדהיים געפרעגט און איז ארויף אויף די טרעפ — וואס וויל ער דען?

— ער וויל אייך זעהן און מיט אייך רעדען.

— איך האב מיט איהם נישט, וואס צו רעדען — האט נארדהיים בעז געזאגט און זיינע אויגען האבען געבליצט — וואס זוכט ער דא? ווען ער וועט נאכאמאל קומען, וועלט איהר איהם ארויסווארפען. אפשר האט איהם עמיצער אהער געזאגט, האט די טויטע געפינט זיך?

— נעין, סער. יעצט דארף איך אייך נאך עפעס זאגען, איהר האט דא א גאסט.

הערמאן האט איהם פינסטער אנגעקוקט.

— וואס הייסט עס? — האט ער שטרענג געפרעגט.

— די פרוי אין שווארצען וואואל איז געקומען.

נארדהיים'ען האט די ידיעה איבערראשט און דערשראקען.

— איך מיין אייער בעקאנטע, די פרוי אין שווארצען וואואל — וואו געפינט זי זיך? — די פרוי אין שווארצען וואואל ווארט אין יאגד-צימער.

— דאס האט זיך דיר געחלום'ט — האט הערמאן געשמייכעלט בעזשטעט.

(פארטזעצונג פאלגט)

א לובלינער לעהרער געוואלט אבסם'ן זיין פרוי

חיל זי האט איהם אנגעשטעקט מיט סיפילים

לובלין.

מיט דריי טעג צוריק האט א געוועזער מיכאל כאלאסניק געמעלדען דעם אויספארשונגס-אמט, אז די טעג דארף זענעץ'סמ'ט ווערען די פרוי פון לובלינער לעהרער סעמדזיא קאחערעק. דער פאליציי-קאמיסאר ביאלקאווסקי און דער פערטרעטער פון שעף פון אויספארשונגס-אמט, וועלכע האבען פעסטגעשטעלט, אז דאס בעמיהט זיך דער לעהרער אלעק-סאנדער קאחערעק, פון פירלעהו ביי לובלין אפצורוימען זיין פרוי פון דער וועלט.

ווען קאחערעק איז דינסטאג געקומען קיין לעמבערג האט איהם די פאליציי תיכף ארעסטירט און ביי דער ערשטער אויספארשונג האט ער זיך אין אלץ מודה געווען.

קאחערעק האט דערציילט פאלגענדעס: מיט עטליכע יאהר צוריק האט ער חתונה געהאט מיט זיין פרוי סעמדזיא סעניק. מיט צוויי יאהר שפעטער איז ער קראנק געווארען אויף טיפוס. ווען ער איז געווען קראנק האט זיין פרוי זיך מיט איהם פעראינטערעסירט, איהם גע-בעהיטען און דערלאנגט עסען, דאמאלס האט ער זיך פון די כלים אנגעשטעקט מיט דער געפעהרליכער סיפיליס-קראנק-הייט.

נאכ'ן טיפוס האט קאחערעק זיך גע-נומען קורירען פון דער סיפיליס און פעסטגעשטעלט, אז פון דער זעלבער ווענערישער קראנקהייט ליידט אויך זיין פרוי. ער האט זיך דעריבער גענומען די זאך אויספארשען און דער-גאנגען, אז זיין פרוי האט א געליבטען א געוועזענעם באהן-בעאמטען ל. פון לעמ-בערג. יענער איז קראנק אויף סיפיליס און מיט דער קראנקהייט אנגעשטעקט אויך זיין פרוי און פון איהר איז ער דאס קראנק געווארען.

קאחערעק האט איבערגעריסען דעם שלום-בית מיט זיין פרוי און חיות הי זיי האבען נאך געוואוינט צוזאמען און האבען זיך כסדר געקריגט, האט די פרוי איהם איינמאל דערלאנגט עסען מיט סם. אבער אין זעהר קליינע דאזעס, כדי איהם ביסלעכווייז אפצו'סמ'ן.

עס איז זיך דעריבער פונאנדערגע-גאנגען מיט דער פרוי, און איז אוועק אויף א פאסטען אין א קליין שטעטל.

מיט א חודש צוריק האט ער זיך אין לעמבערג בעקענט מיט א געוועזענעם באהן-ארבייטער סקאחראנסקי. יענער האט נאך א לענגערען געשפרעך מסכים געווען פאר 600 זלאטיס צו פער'סמ'ן קאחערעקס פרוי, וועלכע האט זיך צייטווייליג גע-פינען אין כערעשניצע. סקאחראנסקי האט דערויף בעקומען א קענטע עטליכע דאלאר און דאס איבריגע האט ער גע-זאלט בעקומען נאכ'ן פער'סמ'ן די פרוי.

קאחערעק איז צוריקגעפאהרען קיין לובלין. דא האט ער געקויפט סטראכנין און דורך פאסט איבערגעשיקט קיין לעמבערגער פאסט-רעסטאנט. דעם 4-טען ד. ח. איז ער צוריקגעקומען קיין לעמ-בערג און צוזאמען מיט סקאחראנסקי'ן אפגענומען דאס פעקעל סטראכנין פון דער פאסט. סקאחראנסקי האט שוין גע-וואלט אוועקפאהרען אבער זיין שטיקעל „ארבייט", ער האט אבער געזאגט, אז קאחערעק זאל איהם צוצאהלען נאך געלד. קאחערעק איז דעריבער געפאה-רען צוריק קיין לובלין. געבראכט געלד אבער ווי נאר ער איז ארויס פון צוג האט איהם די פאליציי ארעסטירט.

לעזט, אבאנירט
— דאס —
„לאדזער טאגעבלאט"

די יונגע פרוי פון קראקוי זאגט:

מיין וועש איז שטענדיג בלענדענד ווייס, ווייל זייף קלויב איך אויס זעהר פארזיכטיג און שטענדיג אליין.
דער זייף פון מיין וועש שוינען, זיין שפארעוודיג און ביליג
איך קלויב אויס שטענדיג נאר

MYDŁO JELEŃ SCHICHT

Miejski Kinematograf Oświatowy
Wodny Rynek, Tel. 18-26.
Od Wtorku, d. 14-go do poniedziałku d. 20-go sierpnia 1928 r. włącznie
Dla dorosłych!
serja I-sza i II-ga
NĘDZNICY
(Les Misérables) Wiktora Hugu
W rolach głównych:
GABRIEL GABRIO (Jean Valjean), SANDRA MILOWANOW (Fantina i Kozetta). JAN TOULOUT (Jevert) PAUL JORGE (Biskup Myriel), G SAILLARD (Thènardier).
dla młodz. początek seansów o g. 2 i à pp.
Ceny miejsc: dla dor. I—70, II—60 III—30 gr.
Dla młodzieży I—25, II—20, III—10 gr.



GRAZ

גראצער
חאגאן- און מאשינען-פאבריק
פריהער:
J. WEITZER, Graz
דיעסעלס-מאטארען
מיט קאמפרעסאר און אהן קאמפרעסאר פון 80 פערד שטערקע און העכער. ערשטקלאסיגע רעפערענצען.
שנעלע ליפערונג. אומזיסטע פרייז-קוראנטען
דורך דער גענעראל-פערטרעטונג אויף גאנץ פוילען:
ALFRED EISINGER, Kraków
Studencka 2. Skrytka pocztowa 310.

Motoren
elektr. für alle Grössen und Touren.
Verkauf und Tausch.
Die billigste bezugsquelle.
Reperaturwerkstatt. .... Ankerwicklungen.
Ing. J. REICHER & Co., Południowa 28,—Tel. 30-00.

POT i NIEMIŁA WOŃ z RĄK NÓG i PACH
USUWA ZNANY i NIEZASTĄPIONY
SUDORYN
AP. KOWALSKI

!! אויף ראטעס !!
אויבער-העמדער
און נאכט-העמדער
פון פאפעליע, זעפיר און אנדערע שטאפען צו בעקומען אין דער ערשטער. פראצאזיניע פון
J. Worobiejczyk
Kilińskiego 41

MĘSKIE
Gimnazjum Humanistyczne
Tow. Sz. O. i W. T. wśród Żydów
Łódź, Pomorska 46, — tel. 6-64.
אנמעלדונגען נעהמט אן די קאנצעלאריע פון גימנאזיום פון 20-טען אויגוסט פון 1—11 נאכמיטאג.
דירעקטאר: מ. שווייצער.

אל תתהלל ביום מחר!
כי לא תדע מה ילד יום.
לייג נישט אפ אויף מארגען
נאר גיי צו דער ערשטע ערלעדיגען סאנדאווע
זוכען וועלכע גלייך קומען צו ליפערן אין ציורך
17 פיעטריקאווער 17
52 וואקסאטי 52
דאס איז איינע פון די גרעסטע און בעסטע פירמען אין גאנץ פוילען, אויף אלע שטאפען, אייזען, בלעכען, צייג און קאמפליטע מאשינען, פאבריק-איינריכטונגען, מאטארען און אלע אנדערע מאשינען. ספעציאליסט פון שו-תוות-אקטען.
י. מאנעלא רעכט-קאנסולטאנט

קרישער
צום דרוקען
און רעקלאמע צייכנונגען
ערשטע אונ די איינציגע יודישע קלישע-פאבריק
101 „GALWANO" TEL. 57-68
PIOTRKOWSKA 101

פאדערט אבעראל
נאר די פון פענטירטע
פעלד-בעטעז
Palma-Patent
מצעות מיר גאראנטירען אויף 3 יאהרע
ניקעל-בעטען, ניקעל-מיבעל, בעטען, אמעריקאנער, קינדער-בעטען, קינדער-וועגעלעך
מאטראצען
פאטענטירטע
לאוז, פוליאנע 24. טעל. 13-85

וויכטיג פאר די, וואס פאהרען אויף אורלויב - אפרוה !!
פענסיאנאט
„WYGODA"
St. GŁOWNO, Polenice, Wila Pabiańskiego
obok Nowego Otwocka, przy lesie
סטאציע גלאוונא - פאלעניצע
ווילע פאביאנסקי נעבען נאווא-אטוואצק
40% ביליגער ווי איבעראל !
בעמערקונג : בעסטע דירעקט צו פרוי אפעל אין פענסיאנאט „וויגאדא"

מחזורים 25 פראצ. ביליגער
א. מ. גרובשטיין, חסכאדניא 54
א. מ. גרובשטיין, חסכאדניא 54
(פראנט, 1-טער שטאק)

גאנץ לאדז מוז וויסען !
עלעקטריש בעלויכטונג
אויף שטוב אויף ראטעס
פ. לעווין, לאדז קאנסטאנטינער 58

לאמפען
פיר שפייזע-צימער סאלאן-קאבינעט שלאף-צימער
Sz. P. Szmalewicz
פאלודניאווא 8, טעל. 64-39.

טליתים-פאבריק
א. ה. ציטרינאווסקי
סאמיענא 1, אין 2. סויער, פארטער.

א פיאנינא

ŻĄDAĆ WSZĘDZIE

FLY-TOX
NISZCZY ROBACTWO I OWADY
PRZEDSTAWICIELSTWO L. KORYTKO et Cie WARSZAWA PL. DĄBROWSKIEGO 9

Dr. med Ignacy Margolis
specjalista chorób oczu
POWRÓCIŁ
przyjmuje codziennie od 12—2 i od 7—8
Łódź, Al. Kościuszki 13, tel. 65-17.

ד"ר מעד.
א. זשעבראווסקי
„Vita"
פיעטריקאווער 45
טעל. 47-44 פון 1-2

לעזט און אבאנירט
— דאס —
„לאדזער טאגעבלאט".

שרייבען
לעהן אוי שנעל
קאליגראף ל. בערמאן
וואוואדזקא 10

ליי-ביבליאטעק
א. נ. א. אייזענשלאס

HEMOROIDY
STAN ZAPALNY · KRWAWIENIE
SWEDZENIE
USUWA
HEMORIN-KLAWE

אבאנעמענטס-פרייז: פאר א חודש אין לאדז 5 זל. ... אנאנסען-פרייז: ...

Redaktor-wydawca E. Hamburski

Tłocznia: E. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska 10.